# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
**רבי אברהם אלימלך**
**בידרמן** שליט"א

**פסח**

מכון
באר האמונה

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטלעך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

ענגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**

2024 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגענע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פסח


אחד אלוקינו - אויב נישט פאַר די שווערע מינוטן, פאַרוואָס זענען מיר דאָ אויף דער וועלט ...............ב

שבת הגדול - דער גרויסער און הייליגער שבת ..........................................ז

לטהר עצמו קודם הרגל - הכנה צום יו"ט דורך זיך הייליגן און רייניגן ............................ח

על ביעור חמץ - עת רחמים ורצון ווען מ'רוימט ארויס דעם יצר הרע..........................יב

ישלים שנתו - דער בריוו פון הגה"ק רבי שמשון אסטראפאליער זי"ע..............................יד

ואמונתך בלילות - דאָס איז מיין צוואה און אמת'ער רצון: גלייבט'ס מיט אמונה ........טו

הלילה הזה - יעדעס יאָר פסח ביינאַכט קומט אויף דער וועלט אַ גרויסע שפע .................כא

בני חורין - כסדר געדענקען אַז אין די נאַכט דאַרף מען זיין בשמחה.............................כד

לילה כיום יאיר - יעדע אידישע שטוב ווערט פאַרוואַנדעלט צו קדושת ביהמ"ק .............ל

וכאן הבן שואל - דאָ איז אַן עת רצון צו פועל'ן זש"ק און ערליכע גוטע קינדער ...............לד

ועכשיו קרבנו המקום - יעצט, ווער איך אזוי נאָנט מיט'ן אויבערשטן ..............................לו

תאכלו מצות - די גרויסע סגולות און קדושה פון די הייליגע מצות...............................לח

ונצעק אל ה' - אויסצונוצן דעם שעת הכושר ווען אַלע טויערן זענען אָפען ......................מא


## שביעי של פסח


ויאמינו בה' - שביעי של פסח איז מסוגל צו זוכה זיין צו אמונה אין באַשעפער..................מז

ויושע ה' ביום ההוא - דער זמן איז מסוגל אויף ישועות.........................................מז

ביום השביעי מקרא קודש - די קדושה פון שביעי של פסח..........................................נ



סדר ועימוד:

**א.י.ש. אשדוד**

shwrtz@bezeqint.net

# פסח

### אחד אלוקינו - אויב נישט פאַר די שווערע מינוטן, פאַרוואָס זענען מיר דאָ אויף דער וועלט

**אַזוי** ווי מיר שטייען יעצט אין די טעג פאַר יום טוב פסח, דאַרף מען זיך מתבונן זיין אין די הלכות פון פסח, 'ואף אתה אמור לו כהלכות הפסח'.

**ביי** די דינים פון קרבן פסח, טרעפן מיר פיל מאָל דעם ענין פון 'איינס", מרמז צו זיין אויף דעם ענין פון אמונה אין 'ה' אחד'.

**דער** פסוק זאָגט (שמות יב, ה) 'שה תמים זכר בן שנה יהיה לכם'. נאָר אַ לעמעלע וואָס איז איין יאָר אַלט, איז כשר מקריב צו זיין אַלס קרבן פסח, און אויך זאָגט דער פסוק (שם פסוק מו) 'בבית אחד יאכל'. מ'דאַרף עסן דעם קרבן פסח אין איין הויז, און נישט אין צוויי אָדער דריי הייזער. 'ועצם לא תשברו בו' - מ'טאָר נישט צוברעכן אַ ביין פון קרבן פסח אויף צוויי טיילן.

**זאָגט** דער מהר"ל מפראג ז"ל (גבורות ה', פ"ס) אַז די אַלע פסוקים און הלכות זענען מרמז אויף איין זאַך, אַז אין דער נאַכט פון פסח דאַרף דער מענטש גוט איינוואָרצלען אין זיין מוח און אין האַרץ, אַז 'אחד אלוקינו בשמים ובארץ', ס'איז דאָ נאָר איין באַשעפער אויף הימל און ערד. דער אויבערשטער איז דער איינציגער - 'אחד יחיד ומיוחד'[א].

די ספרים זאָגן, אַז צוליב דעם זאָגן מיר ביים סוף פונעם סדר, דעם פיוט 'אחד מי יודע'. דאָס איז ווי אַ פּראָבע פאַר דעם מענטש צו זעהן אויב ער האָט ריכטיג פאַרשטאַנען דעם ענין פון אמונה וואס מ'האט געארבעט דערויף ביים סדר. מ'פרעגט איהם 'אחד מי יודע' - דאָס הייסט, וואָס דערמאנסטו זיך ווען דו הערסט דער נומער 'איינס'? און דער מענטש האָט די 'בחירה', צו ענטפערן אַז דאָס דערמאנט איהם אַנדערע זאַכן וואו ס'איז דאָ די נומער 'איינס' - ביי געלט אָדער אַנדערע ענינים פון עולם הזה. אָבער אויב ער האָט גוט פאַרשטאַנען דעם ענין פון 'אמונה פשוטה', וועט ער ענטפערן: 'אחד' אלוקינו שבשמים ובארץ[ב].

די דאָזיגע אמונה ראַטעוועט דעם מענטש מכל צרה וצוקה, ווי הרה"ק בעל 'שפת אמת' זי"ע ברענגט

---

**א.** דער מיטעלער בעלזער רב, הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, האָט אַמאָל פסח ביינאַכט ביים סדר, דערציילט אַ מעשה מיט אַ בלוטיגן אָרימאַן וואָס זיין מזל האָט זיך איבערגעדרייט און ער איז גרויס געוואָרן צו ווערן איינע פון די רייכע לייט אין שטאָט. די זאַך האָט אַרויסגערופן וואונדער ביי די שטאָט-לייט. קיינער האָט נישט געוואוסט דעם 'סוד' ווי אַזוי ער איז פלוצלינג געוואָרן רייך, און אַלע האָבן איהם כסדר געבעטן ער זאָל זיי אַנטפלעקן דעם סוד פון זיין פלוצלינג'דיגער הצלחה (אפשר קענען זיי איהם נאָכמאַכן, און אויך ווערן רייך...). דער עושר האָט אָבער געהאַלטן דאָס מויל פאַרמאַכט און האָט נישט אויסגעזאָגט זיין 'סוד'. איין טאָג, איז ער געזעסן ביי אַ סעודה מיט זיינע גוטע פריינט, און דאָרט האָט ער זיך אָנגעטרינקען און איז געוואָרן שיכור. 'נכנס יין, יצא סוד' - און אַזוי האָבן זיי באַקאַנטע באַוויזן אַרויסצובאַקומען פון איהם דעם סוד פון זיין עשירות, ווי אַזוי ער האָט זוכה געווען דערצו.

האָט דער בעלזער רב זי"ע צוגעלייגט, דאָס זעלבע איז מיט אונז פסח ביינאַכט. מיר רעכטן היינט אָפּ דעם סדר 'ככל משפטו וחוקתו', און מיר טרינקען די פיר כוסות, איז דאָך 'נכנס יין', און אַזוי ווערט מקוים אויך די סיפא, 'יצא סוד' - מיר זאָגן-אויס דעם 'סוד' וואָס ליגט באַהאַלטן אין יעדן איינצלנעם איד - '**אחד** אלוקינו שבשמים ובארץ'... 'אין עוד מלבדו', און 'אפס זולתו'.

**ב.** די גמרא זאָגט (מנחות מג:) אַ טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט באַפוילן אַרויפצולייגן אויף די ציצית 'פתיל תכלת', ווייל 'תכלת' איז ענליך צום ים, און דער ים איז ענדליך צום הימל, און דער הימל איז ענליך צום כסא הכבוד. ממילא קומט אויס, אַז ווען דער מענטש וועט קוקן אויף זיינע ציצית, וועט ער זיך דערמאנען אין דעם אויבערשטען, און זיין האַרץ וועט ציטערן פון דעם באַשעפער.

איינער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז למעשה, נישט נאָר ווען ער זעהט 'תכלת' טוט ער זיך נישט דערמאַנען פונעם כסא הכבוד, נאָר אויך ווען ער געפינט זיך אין ים (וואָס איז נענטער אינעם 'דמיון' צום כסא הכבוד), דערמאנט ער זיך אויך נישט אין דעם כסא הכבוד, און ווי אַזוי איז שייך אַזאַ זאַך.

איז דער תירוץ, מיר געפינען אין נאָך אַן אָרט אַז די 'ראיה' פונעם מענטש איז בכח מעורר צו זיין דעם 'זכרון' און דעם געדאַנק. די גמרא זאָגט (ע"ז כ:) אַז מ'טאָר נישט קוקט אויף די געפאַרבטע קליידער (פון אַ פרוי) ווייל דער פסוק זאָגט (דברים כג, י) 'ונשמרת מכל דבר רע'. זעהען מיר פון דעם, אַז אַלעס ווענדעט זיך אין וואָס דער מענטש איז 'אַריינגעלייגט', און וואָס זיינע מחשבות טראַכטן. אויב ווען ער זעהט אַפילו אַ 'מעין דמעין' פון אַזעלכע זאַכן, דערמאנט ער זיך אין דער עצם זאַך, ווייל פון די נאַטור פונעם מענטשן'ס פאַרגרעבטקייט ווערט ער נאָכגעצויגן נאָך די דאָזיגע זאַכן, און וועגן דעם וועט די דאָזיגע ראיה איהם צוברענגען עס צו געדענקען, איז **דאָס זעלבע ממש ביי אַ מענטש וואָס האָט איינגעוואָרצלט אין זיין האַרץ 'יראת שמים'. ווען ער זעהט נאָר פאַר זיינע אויגן 'תכלת', וואָס איז ענליך צום כסא הכבוד מיט אַ 'דומה לדומה', וועט באַלד נתעורר ווערן אין איהם דער כסא הכבוד, און ער וועט קומען מורא צו האָבן פאַר'ן באַשעפער.**

אָט דאָס איז די עבודה פון אַ איד אין דער הייליגער נאַכט פון פסח, און אויך אַ גאַנץ יאָר, צו לעבן מיט אמונה אין השגחה פרטית, און דאַן וועט זיין גענוג פאַר איהם יעדער מינדעסטע צייכן איהם צו דערמאַנען דעם באַשעפער, דעם 'שוכן עד', וואָס זיצט 'על כסא רם ונישא'.

אַז מ'האָט אמת'ע אמונה פאַרלאָזט מען זיך אויף דעם אויבערשטען, און מ'איז מתפלל צו איהם אַז אַלעס זאָל ווערן 'אין אָרדענונג'...

מיר האָבן געהערט אַ וואונדערליכע מעשה פונעם בעל העובדא, וועלכער האָט אין די אַמאָליגע יאָרן געדינט אַלס אַ מלמד אין אַ חדר אין מאָנסי יצ"ו. דאָרט איז איינגעפירט, אַז די תלמידים גייען אַריין אין די נייע כתה אסרו חג סוכות. איין יאָר אין משך פון חודש תשרי, האָט דער מלמד געהערט פונעם פריערדיגן מלמד (וועלכער וואוינט אין זיין געגנט, און זיי זענען נאָנט בידידות), אַז ער וועט נאָך יום טוב סוכות באַקומען גאָר אַ 'שווערע' כתה. יענער מלמד האָט איהם אויך ערקלערט בטוב טעם די 'מעלות' פון די קומענדיגע כתה...

דערציילט דער מלמד ווייטער: איך פיר זיך שטענדיג אַריינצולייגן אַסאַך כוחות אין מיינע תלמידים (ווייל איך פערזענליך האָב געהאַט אַ 'שווערע' יוגנט, און איך האָב דעמאָלס געטראַכט ביי זיך, אַז אויב איך וועל זיין אַמאָל אַ מלמד, וועל איך אַריינלייגן מיין גאַנצע נשמה אין מיינע תלמידים, זיי זאָלן נישט שפירן די שוועריגקייטן וואָס איך האָב מיטגעמאַכט בשעתו). אַלזאָ, איך האָב זיך גענומען אין די הענט, און אין משך פונעם גאַנצן 'בין הזמנים' האָב איך אַדורכגעלייענט אַסאַך ספרים וואָס רעדן וועגן חינוך, און ווען ס'איז געקומען אָנהייב זמן, אַריינגייענדיג אין די נייע קלאַס מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט פיר-פינף זייטלעך פאַפיר וואו איך האָב געהאַט אויפגעשריבן וואונדערליכע עצות וואָס צו טוהן אין יעדן פאַל ווען די תלמידים וועלן נישט אויסהערן, אָדער זיי וועלן זיך מתחצף זיין, א.א.וו. דאָרט זענען געווען אויפגעשריבן עצות ווי אַזוי אויסצואיבן אין קלאַס אַ שטרענגע 'דיסציפּלין', און אַנדערע ענינים...

למעשה, אָבער, באַלד אין ערשטן טאָג ווען ער האָט אַריינגעטראָטן אין זיין נייע כיתה, האָט ער געזעהן דעם 'בראָך'... די קינדער זענען געווען ווייט פון 'דיסציפּלין', און פון דרך ארץ, 'כרחוק מזרח ממערב'... יעדער איינער פון די קינדער האָט איבערגעדרייט די קלאַס אין אַן אַנדערער ריכטונג... ס'איז ממש געווען אַ מצב פון 'תוהו ובוהו', און ער האָט נישט באַוויזן צו לערנען מיט זיי אַפילו אַ וואָרט. אַלע 'עצות' וואָס ער האָט זיך צוגעגרייט און פאַרצייכנט, האָבן 'געטויגט אויף כפרות'... אויף אַזוי ווייט, אַז אין דער דריטער וואָך פונעם זמן, האָט ער שוין געטראַכט פון פאַרלאָזן די קלאַס, און צוריקקומען דאָס קומענדיגע יאָר...

אינמיטן דער דריטער וואָך, איז ער איין טאָג אינמיטן דאַווענען שחרית, געווען אַזוי צובראָכן, אַז עס האָבן זיך געגאסן אַ ים מיט טרערן פון זיינע אויגן, ביים זאָגן 'מזמור שיר... שועתי אליך ותרפאני... ואני אמרתי בשלוי בל אמוט לעולם... הסתרת פניך הייתי נבהל, אליך ה' אקרא ואל ה' אתחנן... שמע ה' וחנני ה' היה עוזר לי... הפכת מספדי למחול לי. ער האָט געזאָגט צום באַשעפער: איך האָב זיך פאַרלאָזט אויף מיינע אייגענע עצות... איך האָב פאַרגעסן פון דיר, לעכטיגער באַשעפער, און צוליב דעם זעה איך אויס אַזוי... איך בעט דיך, רבונו של עולם, פון יעצט און ווייטער, וועל איך זיך נישט פאַרלאָזן נישט אויף מיין אייגענע 'ערפאַרונג' אין חינוך, און נישט אויף די 'עצות' וואָס איך האָב פאַר זיך צוגעגרייט... היינט גיי איך צוריק אין דער תלמוד תורה און איך וועל צערייסן אַלע

צעטלער מיט די 'עצות' וואָס איך האָב זיך פאַרשריבן... אַזוי האָט ער מאריך געווען ביים דאַווענען. אַלע מתפללים אין שול האָבן שוין געענדיגט דאָס דאַווענען, און ער האַלט נאָך אַלץ ביי 'מזמור שיר'...

דערציילט דער מלמד: ווען איך האָב געענדיגט דאַווענען, בין איך אַריין אין קלאַס, און וואונדער איבער וואונדער: די תפילה פון טיפן האַרצן, און מיט די אנערקענונג אַז מיר האָבן נישט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, נאָר אויף דעם ליבן טאַטן אין הימל, האָט באַלד אויפגעטוהן איר פעולה. די תלמידים אין קלאַס זענען געזעסן שטיל, אַזוי ווי די פיש אין וואַסער וואָס מ'הערט נישט פון זיי אַפילו אַ פּיפּס... ווען איך האָב געזאָגט צו די קינדער זיי זאָלן אָנהייבן צו דאַווענען, האָבן זיי אַלע געעפענט דאָס מויל צו דאַווענען, בלי יוצא מן הכלל. אויך שפּעטער, ביים לערנען, זענען זיי געזעסן און זיך שיין צוגעהערט צום שיעור, און סוף-וואָך האָבן זיי אַלע געקענט גאָר גוט וואָס מ'האָט געלערנט, ממש אויף אַן אופן 'למעלה מדרך הטבע'... ביז סוף יאָר, זענען די תלמידים אויסגעשטיגן גאָר הויך. **דאָס אַלעס, אין זכות פון מיין אנערקענונג אַז אַליין קען איך גאָרנישט טוהן, נאָר מתפלל זיין צו דעם אויבערשטען.**

הגה"צ רבי בן ציון גוטפאַרב שליט"א דערציילט, אַז זיין מאַמע האָט איהם אַמאָל געבעטן ער זאָל אַריבערפאָרן צו דעם גאון רבי חיים קניבסקי זצ"ל, און איהם פרעגן אין איר נאָמען, היות זי בעט שוין אויף אַ געוויסן ענין אַ לאַנגע צייט און מ'זעהט נאָך נישט די ישועה, און זי שטייט אויפ'ן 'פרשת דרכים', וויל זי וויסן אויב זי קען פון דעם פאַרשטיין אַז ס'איז נישט דער רצון פון דעם אויבערשטען צו ערפילן איר בקשה, און ממילא, וואָס האָט זיך זיך איבערצוקליגן און בעטן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, אָדער אדרבה, זי מעג און דאַרף ווייטער מתפלל זיין. זי האָט געבעטן פון איר זון רבי בן ציון, ער זאָל אויספירן זיין שאלה מיט'ן פסוק (תהלים סט, ד) 'כלו עיני מייחל לאלוקי'...

רבי בן ציון האָט מקיים געווען די מצוה פון 'כיבוד אם', און איז אַריבערגעפאָרן קיין בני ברק צו רבי חיים קניבסקי, וועלכער האָט איהם אויפגענומען בסבר פנים יפות, און נאָכ'ן אויסהערן די שאלה, האָט ער איהם געענטפערט: די גמרא זאָגט דאָך בפירוש (ברכות לב:) אַז אויב דער מענטש זעהט אַז ער האָט מתפלל געווען און זיין תפילה איז נישט געענטפערט געוואָרן, זאָל ער דאַווענען נאָך אַמאָל, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים כז, יד) קוה אל ה', חזק ויאמץ לבך, וקוה אל ה'.

רבי חיים האָט אָבער צוגעגעבן, אַז מ'קען מדייק זיין אין לשון פון די גמרא, אַז חז"ל האָבן נישט געזאָגט 'ימשיך להתפלל', נאָר 'יחזור ויתפלל'. די כוונה דערפון איז, נישט אַזוי ווי מענטשן פירן זיך אַז אויב זיי ווערן נישט באַלד געענטפערט, ווערט ביי זיי אָפּגעשוואַכט די אמונה צו גלייבן אינעם גרויסן כח פון תפילה, און זיי 'שטאַרקן' זיך צו דאַווענען... אָבער זיי טוהען זיך שוין נישט 'אָנשטרענגען' אַזוי ביז יעצט... נאָר 'יחזור ויתפלל', דאָס הייסט, ער זאָל **נאָך אַמאָל אָנהייבן פון אָנהייב**, צוגיין מיט'ן גאַנצן האַרץ, מיט'ן גאַנצן פייער צום ענין פון תפילה, מיט די גאַנצע האָפענונג, מיט די גאַנצע אמונה אינעם כח פון תפילה אַז זי העלפט. דאָס מיינט 'יחזור ויתפלל', ער זאָל 'צוריקגיין' צום אָנהייב, גלייך ווי ער דאַוונט יעצט דאָס ערשטע מאָל. אַזוי קען ער פועל'ן וואָס ער וויל פועל'ן מיט זיין תפילה, אַלע טובות און ברכות, אמן.

דער רב פון בני ברק, הגאון רבי יעקב לאַנדאַ זצ"ל, האָט דערציילט פון זיינע זכרונות אַלס יונגערמאַן ווען ער האָט זיך מסתופף געווען בצלו פון הרה"ק מהרש"ב מליובאַוויטש זי"ע, אַז מ'האָט אַמאָל אַריינגעגעבן אַ נייע ספר תורה אין ביהמ"ד. דער עולם האָט זיך זייער געפרייט מיט געזונג און טענץ ביי די הכנסת ספר תורה. האָט איין איד, וועלכער איז נישט געווען 'איבערגעשפיצט' אין שכל... נישט פאַרשטאַנען 'לשמחה מה זו עושה, דאָס איז דאָך נישט די ערשטע ספר תורה וואָס ווערט אַריינגעגעבן אין רבינ'ס בית המדרש... דער ארון קודש איז, ברוך השם, איבערגעפילט מיט ספרי תורה לרוב... און ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַ טאָן פון זלזול: 'נאָך אַ ספר תורה'...

האָט דער הייליגער רש"ב זיך אָנגערופן מיט אַ רגש דקדושה און פלאַם פייער: 'נאָך אַ ספר תורה!'... ער האָט געמיינט צו זאָגן: צי איז עס דען אַ קלייניגקייט אַז מ'נעמט אַריין נאָך אַ ספר תורה?!...

לעניננו, קען מען זאָגן דאָס זעלבע אויך לגבי דעם ענין פון תפילה. ווען אַ איד דאַוונט 'נאָך אַמאָל', טאָר מען נישט גרינגשעצן אַזאַ תפילה און זאָגן 'נאָך אַ תפילה'... נאָר מ'זאָל זאָגן מיט אַ שטאַרקן טאָן: 'יאָ, נאָך אַ תפילה'... מיר דאַרפן זיך פרייען מיט די זכי' וואָס דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן, צו קענען דאַווענען און דאַווענען. אַזוי וועלן צעבראָכן אַלע אייזערנע מחיצות און עס פאַלן אַוועק אַלע מויערן וואָס האַלטן צוריק די תפילה אָנגענומען צו ווערן.

אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע (אמרי הרי"מ, פ' וילך) אַז דער אויבערשטער טוט פאַרהוילן זיין פּנים פון דעם מענטש נאָר כדי ער זאָל איהם זוכן, ער זאָל איהם אנערקענען און ער זאָל זיך אומקערן צו איהם. וועגן דעם, אויב דער מענטש רופט אויס און ער זאָגט, וידעתם כי אני ה' - איך ווייס אַז אַלעם וואָס פּאַסירט מיט מיר איז פון דעם באַשעפער, איז דאָך נישט דאָ אַ סיבה פאַר אַ הסתר פּנים ח"ו, און אַלע הסתרות און דינים ווערן בטל ומבוטל.

**אַזוי** שרייבט דער 'רבינו בחיי', אויף דעם וואָס דער אויבערשטער האָט צוגעזאָגט צו די אידן (שמות יג, יג) 'וראיתי את הדם ופסחתי עליכם'. זאָגט דער 'רבינו בחיי', אַז נישט דאָס בלוט טוט פאַרמיידן דעם נגף, נאָר דער פּסוק לערנט אונז, אַז דער מענטש וואָס גלייבט אין דעם אויבערשטען מיט די גאַנצע אמונה, ער פאַרזיכערט זיך נאָר אויף דעם אויבערשטען, און ער האָט נישט מורא געהאַט פון פּרעה און זיין גזירה, און ער האָט אָפענערהייט גע'שחט'ן זיין לעמעלע וואָס איז געווען די עבודה זרה פון מצרים, האָט געלייגט פונעם בלוט פון זיין קרבן פּסח, אויף די שוועל פון זיין טיר. אַזאַ איינער וואָס פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען, איז ראוי אַז דער אויבערשטער זאָל איהם שיצן פונעם נגף און פונעם משחית!

**פון** דעם לערנען מיר, אַז דער מענטש וואָס פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען און ער איז מקיים זיינע מצוות, זיך נישט רעכענענדיג מיט די פּגעי הזמן, ווערט ער מיט זיין עצם בטחון, ראוי אַז דער באַשעפער זאָל איהם באַשיצן, ער זאָל איהם אָפּהיטן און ראַטעווען פון אַלעם בייזן.

**ענליך** טייטשט הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע (אמרות משה, ע' פט) דעם פּסוק (תהלים צד, יד) 'כי עד צדק ישוב משפט'. דער גאַנצער משפט און יסורים וואָס דער מענטש ליידט ח"ו, זענען נאָר 'עד צדק' - ביז ער פאַרשטייט אַז דער אויבערשטער איז גערעכט. נאָר דאַן ווען ער טוט איינקריצן אין זיין האַרץ צו גלייבן אַז דער אויבערשטער פירט די גאַנצע וועלט, און מיר האָבן נישט קיין רשות אַריינצוטראַכטן חלילה אין זיין הנהגה, דאַן 'ישוב משפט' - וועלן אַלע דינים נמתק ווערן און ער וועט פּטור ווערן פון אַלע יסורים, ווי די גמרא זאָגט (ברכות סב.) 'סמא דייסורי קבולי' - דער 'מעדיצין' פון יסורים איז אָנצונעמען די יסורים מיט ליבשאַפט און מיט אמונה.

**אַזוי** לערנען מיר אין הלכות פּסח (שו"ע או"ח סי' תעה, ס"א) אַז עס איז נישט דאָ אַ דין פון 'הסיבה' ביי מרור - מרור, עסט מען נישט אָנגעלענט אויפ'ן בעט. ווייל 'הסיבה' איז דאָך אַ זכר לחירות, און מרור איז אַ זכר פאַר דעם גלות וואָס די אידן האָבן געליטן אין מצרים, און נישט אויף פרייהייט.

**אויב** אַזוי דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס עסט מען 'כורך' - מרור און מצה צוזאַמען - יאָ אָנגעלענטערהייט. ס'איז דאָך דאָ דערין מרור, וואָס איז אַ זכר צום שווערן גלות וואָס די אידן האָבן געליטן אין מצרים?

**ענטפערט** דער 'תפארת שלמה', מצה איז מרמז אויף אמונה, ווייל מצה ווערט גערופן (אין זוהר הקדוש) 'מיכלא דמהימנותא'. ממילא, ווען מ'טוט צוזאַמענבינדן דעם מרור מיט'ן 'מצה' - וואָס איז מרמז אויף אמונה אין איינציגן באַשעפער. דאָס הייסט, דער מענטש גלייבט אַז אַלעם איז פאַר זיין טובה, און אַז דער אויבערשטער איז שטענדיג מיט איהם, אין דעם זכות ווערט בטל פון איהם די גאַנצע 'ביטערקייט' פונעם מרור[ג], און ממילא, קען ער זיך אָנלענען 'דרך חירות', אַזוי ווי אַ בן מלך[ד].

---

**ג.** דורך שמחה און גוטמוטיגקייט - וואָס קומט דורך אמונה פון פנימיות פון האַרץ, גייט דער מענטש אַרויס פון יעדן קלעם און צרה, ווי דער ווילנער גאון זי"ע טייטשט דעם פּסוק (משלי יח, יד) 'רוח איש יכלכל מחלהו ורוח נכאה מי ישאנה'. שרייבט דער גאון, אַז שמחה קומט דורך דעם גייסט פון מענטש. 'רוח איש' - **דער מענטש וואָס איז אייביג פריילין**, 'יכלכל מחלהו' - **איז אויך אויב עס קומט אויף איהם אַ מחלה חס ושלום, מאַכט ער בטל די מחלה דורך זיין שמחה, און שמחה קומט דאָך פון אמונה.**

**ד.** אַ מלמד האָט אַמאָל אין די טעג פאַר יום טוב פּסח, טעלעפאָנירט אַהיים אינמיטן דעם שיעור אין ישיבה, און געפרעגט זיינע בני בית אויב מ'האָט שוין אַרויסגעוואָרפן אין מיסט די אַלטע קליידער פון הויז. ווען זי האָט

איהם געענטפערט אַז יאָ, מ'האָט שוין אַוועקגעוואָרפן די אַלע קליידער וועלכע זענען מער נישט נוצבאַר, האָט ער ווידער געפרעגט, צי ס'איז דאָ אַ מעגליכקייט עס צוריקצוברענגען פון מיסט. האָט זיין ווייב איהם געזאָגט אַז ניין, די מיסט-רייניגער האָבן שוין אַוועקגעפירט דאָס מיסט וואָס איז געלעגן אין די קאַסטענס אויף דער גאַס, אַזוי אַז מ'קען שוין נישט אויפזוכן די קליידער. ווען דער מלמד האָט עס געהערט, איז ער צוריקגעגאַנגען אין קלאַס, און ווייטער פאָרגעזעצט צו זאָגן דעם שיעור, 'כאילו לא היה' - גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט.

נאָכ'ן שיעור, האָט דער מנהל פון די תלמוד תורה געפרעגט דעם מלמד, וואָס איז געווען אַזוי וויכטיג אַרויסצוגיין אינמיטן שיעור צו טעלעפאָנירן אַהיים, און פרעגן אַזאַ 'נאַרישע' שאלה, צי מ'האָט שוין אַרויסגעוואָרפן די בגדים אין מיסט אָדער נישט. האָט דער מלחמד געענטפערט: 'איך האַלט פאַר די חתונה פון אַ קינד, און איך בין געווען געצוואונגען צו באָרגן אַ גרויסן סכום געלט ביי אַ גמ"ח, צו דעקן די הוצאות פון די חתונה. איך האָב באַהאַלטן דאָס געלט אין איינע פון מיינע אַלטע קליידער, וואו איך האָב געטראַכט אַז קיינער וועט נישט צוקומען דערצו. היינט, אינמיטן שיעור, האָב איך זיך דערמאנט אז מיין בני בית האָט מיר געזאָגט אַז היינט וואַרפט זי אַרויס אַלע 'שמאַטעס' אין מיסט. דעריבער בין איך שנעל אַרויסגעגאַנגען אינמיטן שיעור, תיכף נאָך דעם ווי איך האָב זיך דערמאנט דערפון, צו בעטן אַז זיי זאָלן אַרויסנעמען דאָס געלט פון די טאַשן'...

דער מנהל איז געשטאַנען ערשטוינט און שאקירט, און ער האָט געפרעגט דעם מלמד: 'אויב אַזוי, ווי אַזוי האָסטו געקענט - נאָכ'ן הערן אַז מ'האָט שוין אַרויסגעוואָרפן דעם בגד מיט'ן געלט דערין - צוריקגיין פאָרלערנען דעם שיעור, מיט אַזאַ שלוות הנפש, אַזוי רואיג און געלאַסן, גלייך ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט?'. האָט דער מלמד געענטפערט, אַז ער איז אַ תלמיד פון הגה"ח רבי גד'ל אייזנער זצ"ל, דער משגיח פון ישיבת 'חידושי הרי"ם' אין תל אביב, און ער האָט איינגעוואָרצלט אין זיינע תלמידים, אַז **דער עיקר פון מענטשן'ס אַראָפּקומען אויף דער וועלט איז, איז אַז ער זאָל ביישטיין דעם נסיון אין אַזעלכע שווערע מינוטן. 'כי זה כל האדם'. אויב נישט פאַר אַזעלכע מינוטן, צוליב וואָס זענען מיר אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט...** דער עיקר איז תכלית פון אַ מענטש אויף דער וועלט איז, צו שטאַרקן זיך מיט אמונה אַז אַלעס ווערט געטוהן מיט די השגחה עליונה פון דעם באַשעפער.

מיר האָבן שוין דערציילט, אָבער ס'איז כדאי צו דערמאנען נאָך אַמאָל, וואָס עס האָט מיר דערציילט אַ איד פון אַמעריקע, אַ נגיד'ישער איד, וועלכער האָט אַסאַך דירות צו פאַרדינגען אין אַ געגנט וואו ס'הערשט אַ סכנה זיך צו דרייען דאָרט אויף דער גאַס. עס געפינען זיך דאָרט אַסאַך גנבים, ס'איז אַזוי געאַרפול, אַז אין יעדע דירה וואָס שטייט פונקט ליידיג ביז ער פאַרדינגט עס, דאַרף ער אַהינשיקן אַ וועכטער צו וואוינען דאָרט, ווייל אויב נישט, קומען די גנבים און באַרויבן אַלעס וואָס געפינט זיך אין הויז.

אין אַ געוויסן טאָג איז ער אָנגעקומען אין איינע פון זיינע הייזער. ער איז אַרויס פון זיין קאַר, און האָט איבערגעלאָזט אויפ'ן בענקל פערציג טויזנט דאָלאַר 'טבין ותקילין', איינגעוויקלט אין אַ פּעקל. אויף דעם געלט, זענען געלעגן צוויי מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. ווען ער איז צוריקגעקומען צו זיין קאַר, האָט ער געזעהן אַז גנבים האָבן אויפגעבראָכן די פענצטער פונעם קאַר און אַרויסגענומען פון דאָרט די צוויי מוזיקאַלישע אינסטרומענטן - אין סך-הכל, אַ שאָדן פון פינף הונדערט דאָלאַר, וואָס עס קאָסט צו פאַררעכטן דעם פענצטער, און נאָך פערציג דאָלאַר פאַר די מוזיקאַלישע כלים. אָבער דאָס בינטל געלט איז געבליבן ליגן בחסדי ה' אומבאַרירט. דער איד האָט געדאַנקט דעם באַשעפער פאַר דעם גרויסן חסד וואָס ער האָט מיט איהם געטוהן, און אָפּגעהיטן דאָס געלט עס זאָל נישט גע'גנב'עט ווערן.

און דער איד האָט צוגעלייגט, שפּעטער האָב איך זיך מתבונן געווען און געזאָגט, אויב איך וואָלט נישט געהאַט אַזאַ גרויסן סכום געלט ליגן אינעם קאַר, אין צוגאָב צו די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, וואָלט איך דאָך געווען פול מיט צער און עגמת נפש אויפ'ן שאָדן פון 540 דאָלאַר וואָס איך האָב געליטן... אָבער יעצט, אַז אַנטקעגן דעם דאָזיגן שאָדן איז דער איבעריגער טייל פונעם געלט אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, פריי איך מיך און איך דאַנק דעם באַשעפער דערפאַר. איך האָב זיך פון דעם אַראָפּגעלערנט, **אַז ווען אימער ס'וועט מיר פּאַסירן ח"ו אַ פאַל פון אַן עגמת נפש, זאָל איך זיך פרייען מיט'ן באַשעפער און איהם דאַנקען פאַר די אַנדערע חסדים וואָס ער טוט מיר מיר,** סיי ביי די קינדער, און אַנדערע קנינים צו וועלכע איך האָב זוכה געווען מיט'ן באַשעפער'ס הילף.

דאָס איז ספּעציעל נוגע היינטיגע טעג, ווען מ'איז פאַרנומען מיט רייניגן דאָס הויז לכבוד דעם קומענדיגן יום טוב פסח הבא עלינו לטובה, און עס טרעפט זיך אַז די קליינע קינדער מאַכן כסדר שמוציג דאָס הויז וכדומה,

### שבת הגדול - דער גרויסער און הייליגער שבת

**דער** היינטיגער שבת ווערט גערופן 'שבת הגדול', ווייל עס האָט פּאַסירט מיט די אידן אַ גרויסער נס אין דעם שבת, ווי עס שטייט אין 'סדר עולם' (פ"ה) אַז דער פופצענטער טאָג פון חודש ניסן, דער טאָג ווען די אידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, איז געווען דאָנערשטאָג, וואָס פון דעם קומט אויס, אַז דער צענטער טאָג פונעם חודש ניסן, וואָס דעמאָלס האָט מען גענומען דאָס לעמעלע פאַר'ן קרבן פסח - 'שה לבית' - איז געווען שבת, און עס האָט דעמאָלס פּאַסירט מיט די אידן אַ נס, אַזוי ווי דער 'טור' ברענגט (או"ח סי' ת"ל) אין נאָמען פון מדרש, אַז יעדער איד האָט געקויפט אַ לעמעלע פאַר זיין קרבן פסח, און ער האָט עס צוגעבונדן צו די זיין בעט. ווען די מצריים האָבן זיי געפרעגט דעם באַדייט דערפון, האָבן די אידן געענטפערט, אַז זיי דאַרפן עס האָבן צו שחט'ן דעם קרבן פסח, אַזוי ווי דער אויבערשטער האָט זיי באַפוילן. די ציין פון די מצריים האָבן זיך געוואָרפן און זענען צעהאַקט געוואָרן פון כעס אַז די אידן גייען שחט'ן זייער אָפּגאָט, אָבער זיי האָבן זיי נישט געקענט זאָגן אַפילו אַ וואָרט, און אַלס זכר צו דעם גרויסן נס, ווערט דער שבת גערופן 'שבת הגדול' (זעה אויך תוספות שבת פז: ד"ה 'ואותו').

**עס** איז באַקאַנט וואָס די מפרשים פרעגן, פאַרוואָס איז מען מייחס דעם נס צום טאָג פון שבת, און נישט צו דעם צענטן טאָג אין חודש, וואָס יענעם טאָג האָט דער נס פּאַסירט, אַזוי ווי אַנדערע ימים טובים וואָס זענען באַשטימט געוואָרן אין דעם טאָג פונעם חודש ווען עס האָט פּאַסירט, און נישט אין טאָג פון דער וואָך?

**ענטפערט** דער הייליגער אַפּטער רב זי"ע, אין ספה"ק 'אוהב ישראל' (ליקוטי נ"ך, השמטה לשבת הגדול), אַז דאָס וואָס די אידן האָבן מקיים געווען די מצוה פון באַשעפער אינעם צענטן טאָג פון חודש ניסן - זיי האָבן זיך אַוועקגעצויגן פון די עבודה זרה און האָבן גענומען פאַר זיך אַ שאָף פאַר די מצוה, און זייער נשמה האָט זיך מדבק געווען אין דעם באַשעפער ברוך הוא, האָט פּאַסירט נאָר מיט'ן כח פון דעם הייליגן שבת, וואָס ווערט גערופן 'יומא דנשמתא' - דער טאָג פון די נשמה (זוהר ח"ב, רה.). וועגן דעם איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַלע שפּעטערדיגע דורות די דאָזיגע גאולה אין דעם טאָג פון שבת, ווען יעדער איד גייט אַרויס פון זיין אייגענעם גלות הנפש[ה].

**דער** 'לבוש' (סי' ת"ל, ס"א) שרייבט אַ טעם פאַרוואָס דער שבת ווערט אָנגערופן 'שבת הגדול', ווייל

---

ממילא דאַרף יעדער איינער געדענקען אַז מ'טאָר זיך נישט בייזערן, נאָר אדרבה, מ'דאַרף דאַנקען און לויבן דעם באַשעפער פאַר דעם וואָס ער האָט אונז מזכה געווען מיט לעכטיגע קינדער, זרע של קיימא, און ווי די יקירי ירושלים פלעגן זאָגן 'אזעלכע צרות אויף אַלע עקרות'... 'ותן לחכם ויחכם עוד'.

**ה.** דער 'בית אברהם' (שבת הגדול, ד"ה 'ענין שבת הגדול') ברענגט אין נאָמען פון הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע, אַ טעם פאַרוואָס דער שבת ווערט אָנגערופן 'שבת הגדול', ס'איז אַ משל צו אַ גרויסן מלך וואָס האָט צוגעגרייט אַ גרויסע סעודה פאַר אַלע זיינע גוטע פריינט. וויבאַלד מיר ווייסן דאָך אַז 'אין עניות במקום עשירות', אין אַ רייכן אָרט, איז נישט פאַרהאַן קיין אָרימקייט, האָבן די קנעכט פונעם קעניג אָנגעגרייט אַ סעודה 'כיד המלך', מיט אַ גרויסע הרחבה. אַזוי איז ביים סוף פון דער סעודה, איבערגעבליבן אַסאַך מאכלים און משקאות. ווען מ'האָט דערציילט וועגן דעם פאַר'ן קעניג, האָט דער קעניג באַפוילן צו פאַרטיילן די איבערגעבליבענע מאכלים און משקאות, פאַר די מענטשן פונעם לאַנד. ס'איז אָבער נאָך אַלץ געהאַט איבערגעבליבן מאכלים און משקאות, און ס'איז דאָך נישט קיין כבוד פאַר'ן קעניגליכן הויף אַרויסצוואַרפן אין מיסט די מאכלים פונעם קעניג. האָט דער קעניג באַפוילן מ'זאָל געבן צו עסן דערפון פאַר די פאַרברעכער וואָס זיצן אַרעסטירט אין די טורמעס [מ'קען צולייגן, אַז מסתמא האָט מען זיי אַרויסגענומען פון טורמע און מ'האָט זיי אַוועקגעזעצט אויף אַ מכובד'יגן אָרט צו עסן פון דער סעודה, ווייל עס איז דאָך נישט קיין כבוד צו עסן אין תפיסה די מאכלים פון קעניגליכן הויף].

דער נמשל איז, דער גרויסער קעניג, דער באַשעפער, 'מלך מלכי המלכים', וואָס 'לא כלו רחמיו' - ער האָט רחמנות אַפילו אויף די גרעסטע פושעים און חוטאים, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים כא, יא) 'וסלחת לעוני כי רב הוא', וואָס די מפרשים פרעגן דערויף, וואָס פאַר אַ נתינת טעם איז עס וואָס ער זאָגט 'כי רב הוא'? אדרבה, אויב די עבירות זענען אַזוי פיל, פאַרוואָס זאָל דער אויבערשטער מוחל זיין די גרויסע צאָל עבירות וואָס מיר האָבן?

עס איז אַ הקדמה צו די גאולה, און אויף די גאולה, זאָגט דער נביא 'הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא לפני בוא יום ה' הגדול והנורא, והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם'(מלאכי ג, כג).

**דער** 'אוהב ישראל' (ליקוטי נ"ך, השמטה לשבת הגדול) געבט צו פאַרשטיין די גרויסע קדושה פון 'שבת הגדול', ווייל דער זוהר הקדוש זאָגט (ח"ב סג:) 'מיניה מתברכין כל שיתא יומין' - פון דעם טאָג פון שבת, ווערן געבענטשט אַלע זיבן טעג. דאָס מיינט, אַז אַלע טעג פון דער וואָך ציען זייער יניקה פון די קדושה פון דעם פריערדיגן שבת. זאָגט דער אַפטער רב זי"ע, אבער אַלע שבתים פון יאָר ציען זייער יניקה פון שבת הגדול און שבת שובה.

**לטהר עצמו קודם הרגל - הכנה צום יו"ט דורך זיך הייליגן און רייניגן**

**'מצות תאכל במקום קדוש בחצר אהל מועד יאכלוה'** (ויקרא ו, ט).

**זאָגט** דער הייליגער 'תפארת שלמה' זי"ע (שבה"ג, ד"ה 'מצות', ועוד), אַז דער פסוק קומט וואָרענען דעם מענטש ער זאָל זיך רייניגן און כשר'ן זיין מויל און זיין גוף, צו זיין ראוי אַז עס זאָל אַריינגעקומען דאָרט די מצה, און זי זאָל געגעסן ווערן 'במקום קדוש', און דורך דעם וועט ער ווערן הייליג צו זיין 'בחצר אהל מועד'.

**לויט** דעם טייטשט דער 'תפארת שלמה' די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין דער הגדה, 'יכול מראש חודש, תלמוד לומר ביום ההוא'. דער בעל ההגדה איז אונז מרמז, אַז שוין פון ראש חודש דאַרף אַ איד אָנהייבן מיט די הכנה, און זיך אויסלערנען צו 'זאָגן' די מצוות וואָס מ'איז מקיים פסח ביינאַכט.

**צדיקים** אין אַלע דורות האָבן אונז אויסגעלערנט אַ גרויסן כלל, אַז לויט די הכנה וואָס דער מענטש מאַכט צום טוהן אַ מצוה, און צו די ימים טובים הבעל"ט, אַזוי איז ער זוכה צו באַקומען זייער

---

אָבער לויט דעם אויבן-דערמאנטן משל איז עס פאַרשטענדליך, ווייל מ'קען זאָגן, אַז די ווערטער 'כי רב הוא' גייען אַרויף **אויף די חסדים פון דעם באַשעפער**, וואָס זיי זענען גאָר אַסאַך, און כדי דעם אויבערשטען'ס רחמים און חסדים זאָלן נישט גיין פאַרלוירן ח"ו, דאַרף דער אויבערשטער זיך 'באַנוצן' דערמיט, אויך פאַר די פושעים און חוטאים.

לויט דעם, זאָגט דער 'בית אברהם' אַ טעם פאַרוואָס דער שבת ווערט אָנגערופן 'שבת הגדול', ווייל **דער שבת איז גרויס און הייליג אַז אידישע קינדער זאָלן זיך קענען האַלטן אונטער זיינע פליגל, אַפילו דער 'פחות שבפחותים', די פושעים און מורדים - זיי צו רייניגן און צוגרייטן צו דעם הייליגן יום טוב.**

מיר האָבן געהערט פון אַן אייניקל פון סלאָנימער רבי'ן, הרה"ק בעל 'נתיבות שלום' זי"ע, אַז זיין זיידע פלעגט שטענדיג חזר'ן די ווערטער פונעם 'בית אברהם', און ער האָט צוגעגעבן, אַז לכאורה איז שווער, וואָס איז דען דער יחוס פון דעם היינטיגן שבת, וואָס עס ווערט אָנגערופן 'שבת הגדול'. יעדער שבת איז דאָך 'גרויס', ווי מיר זאָגן אין דער ברכה 'רצה והחליצנו': 'כי יום זה **גדול** וקדוש הוא לפניך'. אויב אַזוי, מיט וואָס איז 'שבת הגדול' גרעסער פון די אַנדערע שבתים איבער'ן יאָר? נאָר וואָס דען, שבת הגדול איז נישט סתם אַ 'גרויסער שבת', נאָר **ס'איז ממש אַ 'גדול שבגדולים'...**

**ו.** הרה"ק רבי יוחנן'טשע ראחמיסטריווקער זי"ע האָט געזאָגט אַ רמז אין די 'סימנים' פונעם סדר, 'קדש ורחץ כרפס יחץ מגיד'. **'קדש ורחץ'**: אויב דער מענטש וויל זוכה זיין צו ווערן הייליג און אָפּגעוואַשן, דאַרף ער געדענקען **'כרפס'** - ראשי תיבות **כ**'לל **ר**'אשון **פ**'ה **ס**'גור. ער זאָל פאַרמאַכן זיין מויל נישט צו רעדן רייד וואָס מ'טאָר נישט רעדן. און נישט נאָר דאָס, נאָר **'יחץ מגיד'** - די ווערטער וואָס ער דאַרף יאָ רעדן, זאָל ער עס 'צעברעכן' אויף אַ העלפט...

ס'איז אַ מנהג ישראל תורה צו מאַכן די ברכה 'בורא פרי האדמה' אויפ'ן כרפס, און מ'האָט אין זינען צו פטר'ן מיט די ברכה, דעם 'מרור' וואָס מ'עסט נאָך די מצה (זעה 'משנה ברורה, סי' תע"ג, סקנ"ה).

מ'דערציילט, אַז הרה"ק בעל 'חקל יצחק' פון ספינקא זצ"ל הי"ד, האָט איין יאָר ביים סדר, אויסגעבראָכן אין אַ געוויין ביים אויסרופן 'כרפס', און ער האָט דערנאָך ערקלערט זיין טיפע כוונה, **אַז דורכ'ן עסן כרפס טוט מען 'פטר'ן' און מען מאַכט בטל דעם 'מות' וואָס די צאָל פון דעם וואָרט באַטרעפט 446, אַזוי ווי דאָס וואָרט 'מרור'.**

**לענינינו קען מען צולייגן, אַז לויט וויפיל דער מענטש היט זיך מיט'ן 'כרפס' - אין דעם ענין פון 'כלל ראשון פה סגור', אַזוי פטר'ט ער פון זיך אַלע סאָרט 'מרורים' און עקתין בישין...**

אור און גוטע השפעה', ווי דער של"ה הקדוש שרייבט (פ' ויחי, דרך חיים תוכחת מוסר, ב') אויף די ווערטער פון די גמרא (יומא לט.) 'אדם מקדש עצמו מעט, מקדשין אותו הרבה, מלמטה, מקדשין אותו מלמעלה'. זאָגט דער של"ה, אַז לויט די הכנה וואָס דער מענטש גרייט זיך צו, רוהט אויף איהם די רוחניות'דיגע השפעה, ווייל די השפעה טרעפט אַ שטול צוגעגרייט דא אונטן, ווען עס קומט אראפ.

**דער** רמב"ן ז"ל זאָגט (ספר הגולה) אַז דאָס איז דער ענין פון דעם איבערשטען מיט יעדן מענטש און מיט יעדן דור, אַז ער איז אנגעגרייט צו טוהן גוטס מיט זיי לויט די הכנה וואס זיי מאכן צו באַקומען די גוטע השפעות.

**אויף** אַן אַנדער אָרט, שרייבט דער 'תפארת שלמה' (פ' ויגש, ד"ה 'ויגידו'), ביי יעדע מצוה, אָדער תורה און תפילה, דאַרף דער מענטש מאַכן פריער אַ הכנה אײדער ער קומט אַריין פאַר דעם קעניג, ווייל פון יעדע מצוה ווערט נמשך אויפ'ן מענטש אַ ספעציעלע קדושה פון די מעשה המצוה, אַזוי ווי מיר זאָגן 'אשר קדשנו במצוותיו', און דעריבער דאַרף דער מענטש זיך צוגרייטן פאַר יעדע זאַך וואָס ער טוט, אַז ער זאָל קענען ווערן אַ 'כלי' פאַר די השראת הקדושה וואָס קומט דערנאָך פון די מצוה.

**קומט** אויס אַז די הכנה איז די כלי און די 'האַנט' וואָס טוט אונטערהאַלטן די מצוה, און וויבאַלד עס איז די התחלה פון די מצוה, איז עס אַזוי ווי א חלק פון די מצוה, און עס גיט כח פאַר דעם מענטש מקיים צו זיין די מצוה אָן התרשלות, עכ"ל.

**ממילא,** יעצט ווען מיר האַלטן שוין נאָנט צו די סדר נאַכט, ווען 'לילה כיום יאיר', און אַזוי שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ב לח.) **אַז פסח נאַכט איז געווען** לעבטיג אַזוי ווי ווען די לבנה שיינט אין תקופת תמוז, און די גאַנצע וועלט האָט געזעהן ווי דער אויבערשטער שטראָפט די מצריים, 'ולילה כיום יאיר כחשיכה כאורה' (תהלים קלט, יב), און אויך אין אַלע דורות שיינט דער אויבערשטער פאַר אונז אַן אור אין דער נאַכט פון פסח, ברוחניות ובגשמיות, ממילא דאַרף מיר מאַכן די ריכטיגע הכנה אַז מיר זאָלן זוכה זיין צו געניסן פון דעם מורא'דיגן גרויסן אור[ח], ווי עס שרייבט דער הייליגער קאָזשניצער מגיד זי"ע ('עבודת ישראל', לשבה"ג) אַז פונקט

---

**ז.** אַ פלימעניק פון הרה"ק רבי שלמה קאַרלינער זי"ע, וועלכער איז געווען גאָר נאָנט מיט איהם, האָט איין יאָר פאַר פסח געשריבן אַ בריוו צו זיין פעטער רבי שלמה קאַרלינער, וואו ער שרייבט אַז ער האָט שוין, ברוך השם, פיש און פלייש, מצות און וויין אויף פסח. עס פעלט איהם נאָר **'פסח' אויף פסח...** און ער בעט דעריבער זיין הייליגן פעטער, ער זאָל איהם שיקן 'פסח אויף פסח'.

האָט רבי שלמה קאַרלינער איהם צוריקגעשריבן, ווי אַזוי קען מען אַריינעמען דעם 'פסח' אין אַ זאַק פיל מיט חמץ... 'ודי לחכימא ברמיזא', אַז **מ'דארף זיך כשר'ן כדת וכדין, און נאָר דאַן קען מען אַריינעמען אין זיך דעם אור פונעם יום טוב.**

הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע האָט געזאָגט, די וועלט פירט זיך צו זאָגן ווען מ'וויל אָפּ'חוזק'ן פון עמיצן, צו זאָגן, יענער איז דער 'חכם פון די מה נשתנה'... פאַרוואָס פאַרשרייט מען איהם נישט אַלס דער 'רשע' פון 'מה נשתנה', אָדער כאָטש אַלס דעם 'תם' פון די 'מה נשתנה'...

האָט די רבי זי"ע געזאָגט, דער 'חכם', קומט פסח ביינאַכט און ער פרעגט 'מה העדות והחוקים והמשפטים אשר צוה ה' אלוקינו אתכם'... **וואו ביזטו געווען ביז היינט? שוין אַ לאַנגע צייט וואָס אַלע אידן זענען פאַרנומען מיט דעם 'מה העדות והחוקים', און דו דערמאנסט זיך ערשט יעצט**, ווי איינער וואָס איז אין די מינוט אַראָפּגעפאַלן פון הימל און פון די שטערן... און ער פרעגט, זאָג נאָר, 'מה העדות והחוקים'... צו אַזאַ 'חולם' טוט מען צוגלייכן איינעם וואָס מ'וויל איהם אָנשרייען דורכ'ן יאָר, און מ'באַצייכנט איהם אַלס דער 'חכם פון די מה נשתנה'...

**ח.** עטליכע עסקנים פון די סאַטמאַרער מוסדות האָבן אַמאָל אין חודש ניסן, געוואָלט אַריינקומען צום סאַטמאַרער רב זי"ע, כדי איבערצושמועסן מיט'ן רבי'ן וויכטיגע ענינים וואָס זענען נוגע וועגן זיינע הייליגע מוסדות. דער רבי האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט זיי אויפצונעמען און געזאָגט, אַז הרה"ק רבי יהושע קראָלער זצ"ל האָט געזאָגט, **אַז דער מענטש וואָס איז נישט זוכה אין דער סדר נאַכט צו רוח הקודש, איז נישט בגדר אנושי** [כ"ק הגה"צ רבי משה אריה פריינד זצ"ל, גאב"ד ירושלים, וועלכער איז געווען אַן אייניקל פון הרה"ק רבי יהושע קראָלער הנ"ל,

ווי ווען דער מענטש וויל געניסן פון דעם שיין פון די זון שטראלן, דארף ער פריער עפענען די טירן און פענצטער פון זיין הויז[ט], ווייל אויב זיי וועלן זיין פארמאכט וועט די זון נישט קענען אַריינשיינען אין הויז, און ער וועט טאַפּן אין דער פינצטערניש, אַזוי דאַרף דער מענטש זיך צוגרייטן באַצייטנס כדי ער זאָל קענען מקבל זיין דעם גרויסן אור וואָס איז אָנגעגרייט צו שיינען.

**אַזוי** שרייבט דער 'שם משמואל' (ויקרא תרע"א, בסופו), אַז לויט די 'טהרת הלב' ויחוד המעשה' וואָס מ'מאַכט אין די יעצטיגע טעג, איז מען זוכה שפּעטער צו די געטליכע הארה אין די טעג פון יום טוב פּסח.

**נאָך** מער, דורך די הכנה איז מען זוכה אַז דער גרויסער אור זאָל האָבן אַ קיום, און עס זאָל איבערבלייבן ביי דעם מענטש דער רושם פון די קדושה און די התעלות צו וועלכע מ'איז זוכה אין יום טוב פּסח, אויפ'ן גאַנצן יאָר, ווי הרה"ק בעל 'בת עין' זי"ע טייטשט (פסח, ד"ה 'חכם'), די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין די הגדה: 'חכם מה הוא אומר, מה העדו והחוקים והמשפטים אשר צוה ה' אלוקינו אתכם, ואף אתה אמור לו כהלכות הפסח אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן', לויט ווי דער אר"י הקדוש ז"ל זאָגט ('פרי עץ חיים', שער חג המצות, פ"א) אַז די הארות פון דער סדר-נאַכט קומען אַראָפּ פון הימל מיט אַן 'אתערותא דלעילא', אין דער בחינה פון 'איבערהיפּן', און יעדער איינצלנער איד קען זוכה זיין צו גרויסע און וואונדערליכע השגות העכער פון זיין מדריגה.

**אָט** דאָס איז די שאלה וואָס דער 'חכם' פרעגט: מה העדות והחוקים. ער מיינט צו פרעגן, פאַרוואָס דאַרף מען עפּעס מאַכן אַ הכנה מיט תורה און מצוות, און מאַכן זיך פאַר אַ 'כלי קיבול' פאַר די אַלע גרויסע הארות, מ'קען דאָך זוכה זיין דערצו אויך אויב מ'מאַכט נישט די נויטיגע הכנה דערצו. אויף דעם ענטפערט מען איהם, 'אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן'. 'אפיקומן' איז פון לשון 'אפיקו מן', פּסח מוז מען נישט 'ארויסציהען' די כלים, אויב מ'האט שוין געמאכט די 'כלי' פאַר יום טוב, נאָר אויף נאָך פּסח, מוז מען מאַכן אַ הכנה, ווייל אויב דער מענטש מאַכט נישט די נויטיגע הכנה, וועלן נישט בלייבן ביי איהם די געהויבענע הארות צו וועלכע מ'איז זוכה פּסח ביינאַכטביים סדר, און נאָר אויב ער וועט זיך מתבונן זיין דורך די 'עדות' און 'חוקים', וועט ער זוכה זיין אַז זיי זאָלן האָבן אַ קיום, און זאָלן איבערבלייבן אין איהם לאורך ימים. דאַן איז ער זוכה אַז דער 'סדר' זאָל באמת זיין אַ 'סדר' אויפ'ן גאַנצן יאָר.

האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון זיין זיידן, נאָך אַ שאַרפע מימרא: **'דער וואָס איז נישט זוכה צו גילוי אליהו אין דער סדר נאַכט און אין יום כיפור, איז עס אַ סימן מובהק אַז זיינע פיס זענען נישט געשטאַנען אויפ'ן באַרג סיני'**. דערמיט האָט ער אַוודאי געמיינט מעורר צו זיין דעם עולם זיך ריכטיג צוצוגרייטן צום סדר פּסח ביינאַכט], און דעריבער האָט דער סאַטמאַרער רב זי"ע געזאָגט צו די עסקנים, וואָס האָבן געוואָלט קומען רעדן וועגן געלט זאַכן, אַז זיי זאָלן אַריבערקומען נאָך יום טוב.

**ט.** עס איז אַ מנהג ביי ישראל קדושים, צו עפענען די טיר פון הויז איידער מ'הייבט אָן זאָגן 'שפוך חמתך' פּסח ביינאַכט ביים סדר, און ס'איז מקובל אַז מיט דעם עפענט מען די טיר פאַר אליהו הנביא צו קומען און אונז אויסלייזן במהרה בימינו. פרעגט די וועלט, אליהו הנביא איז דאָך אַ מלאך, און ער קען אַריינקומען אין הויז אויך אויב מ'עפענט איהם נישט די טיר... ענטפערט דער גאון בעל 'נפש חיה' זצ"ל, אַז אליהו הנביא אַליין דאַרף טאַקע נישט אָנקומען דערצו אַז מיר זאָלן איהם עפענען די טיר כדי ער זאָל אַריינקומען אין הויז, אָבער **מיר** דאַרפן עפענען די טיר כדי אַליהו זאָל אַריינקומען **אין אונז**... אויב מיר וועלן עפענען פאַר איהם די טויערן פון אונזערע הערצער, וועט ער אַריינקומען און אַריינשיינען אין אונז אין דער הייליגער נאַכט, און אויב נישט...

**י.** הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע האָט אַמאָל ערב פּסח געפרעגט איינע פון די חסידים, אויב ער האָט שוין אַן אתרוג לכבוד יום טוב. האָט יענער זיך געוואונדערט און געפרעגט, וואָס פאַר אַ שייכות האָט אַן אתרוג מיט'ן יום טוב פּסח... האָט דער קאָברינער געענטפערט: 'אתרוג דא ליבא' (תיקוני זוהר, כט.), **דער אתרוג איז מרמז אויפ'ן האַרץ, און מיט דעם זענען ביידע ימים טובים - פּסח און סוכות - גלייך, אַז מ'דאַרף צוגרייטן דאָס האַרץ צום יום טוב** (ספר 'בית אברהם', לסוכות).

**די** גמרא זאָגט (ר"ה טז:) 'חייב אדם לטהר את עצמו ברגל'. דער מענטש איז מחויב זיך צו טובל'ען יעדן יום טוב כדי ער זאָל זיין טהור. דאָס מיינט, ער דאַרף זיך מטהר זיין פאַר'ן יום טוב, און כאָטש מיר קענען ליידער בעוונותינו הרבים נישט אַרויפגיין עולה-רגל זיין אין בית המקדש, און מיר זענען נישט זוכה מקריב צו זיין די קרבנות פונעם יום טוב, אָבער פונדעסטוועגן, ליגט אויף אונז אַ חיוב אויך היינטיגע צייטן צו 'ריינינגן' דעם גוף און די נשמה פון יעדן חטא און פגם, אַלס אַ הכנה דרבה לכבוד דעם הייליגן יום טוב הבא עלינו לטובה, כדי די קדושה פונעם יום טוב זאָל קענען רוהען צווישן אונז.

**אַזוי** זאָגט דער 'בית אברהם' זי"ע (פסח, ד"ה 'כל שלא'), אַז דער תכלית פון די 'עליה לרגל' איז געווען כדי צו זעהן און געזעהן צו ווערן מיט דעם אויבערשטען און זיך מער דערנענטערן צו איהם, און דער ענין איז אַ נצחיות, און איז שייך אין אַלע דורות.

**ממילא**, ווי אַזוי קען דער מענטש זיך 'זעהן' מיט באַשעפער כביכול אויב ער טוט זיך נישט ריינינגן... נאָר די עבודה פון די הייליגע טעג פון 'ערב פסח' איז צו מאַכן אַליין 'הגעלת כלים'[יא], דורך מטהר זיין אַלע חושים - היטן די מחשבות און די אויגן און דאָס מויל[יב].

**מורא'דיגע** ווערטער האָט געזאָגט דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'דברי שמואל' זי"ע, פון יעדער זאַך וואָס דער מענטש זעהט, בלייבט איבער אַ רושם איינגעקריצט אין זיינע אויגן פון יענע ראיה, און אויף דעם זאָגט דער פסוק 'יראה כל זכורך', עס זאָלן געזעהן ווערן אין דיינע אויגן נאָר ראיות וואָס מ'מעג זעהן, און נישט ס'זאָל זיין איינגעקריצט אין מענטש זאַכן וואָס מ'טאָר נישט זעהן רח"ל, און איינער וואָס איז מפקיר זיינע אויגן ח"ו, נו ווי אַזוי וועט ער קענען זעהן (די קדושה) מיט די זעלבע אויגן וואָס ער האָט מטמא געווען, חז"ל זאָגן דאָך (ב"מ ג.) 'אין אדם מעיז פניו בפני בעל חובו' (דער מענטש קען נישט מעיז פנים זיין פאַר זיין בעל חוב וואָס האָט איהם געטוהן אַ טובה)[יג]. (ספר 'בית אברהם' לבנו הרה"ק מסלאָנים, שבועות)

**אויך** דאַרף מען מתפלל זיין צום באַשעפער אַז ער זאָל אונז מזכה זיין אַריינצוקומען אינעם יום טוב ווי ס'דאַרף צו זיין, ווי דער 'בית אברהם' זאָגט (פ' ויקרא) אויף די ווערטער פון די גמרא (פסחים ו.) 'שואלין ודורשין בהלכות החג לפני החג שלשים יום', און אין מאן דאמר האַלט, אַז מ'לערנט די הלכות פון יום טוב צוויי וואָכן פריער. זאָגט דער 'בית אברהם', 'שואלין ודורשין' מיינט, מ'בעט פון דעם אויבערשטען, אַז מ'זאָל זוכה זיין 'אַריינצוגיין אינעם יום טוב'[יד] ('הלכות' איז פון לשון 'הליכה').

---

**יא.** איינער וואָס האָט 'איינגעשלינגען' אין זיין מויל דעם טעם פון ווערטער וואָס מ'טאָר נישט רעדן, דאַרף מקיים זיין ביי זיך 'הגעלת כלים', צו 'כשר'ן' דאָס מויל כדי ער זאָל 'אויסשפייען' דעם טעם פון דעם איסור.

הרה"ק רבי בעריש ביאַלער זי"ע האָט אַמאָל אין אַ שבת הגדול דרשה, געזאָגט מיט אַ געשטיקט קויל פון טרערן, אַז אַסאַך מענטשן פרעגן איהם ווי אַזוי מ'כשר'ט פאַרשידענע כלים, אָבער 'אין דורש ואין מבקש', **קיינער פרעגט נישט ווי אַזוי מ'קען 'כשר'ן' דאָס מויל אַז מ'זאָל קענען עסן מיט'ן מויל די מצה בקדושה ובטהרה.**

**יב.** הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע האָט געזאָגט אַ הייליג און טייער וואָרט אויף דעם נוסח וואָס מיר זאָגן אין 'חד גדיא', 'דזבין אבא בתרי זוזי'. 'דזבין אבא' - **דער מענטש וואָס וויל 'קויפן' כביכול דעם טאַטן אין הימל.** 'בתרי זוזי' **קען ער דאָס טוהן דורך היטן זיינע איברים, דאָס אויג און דעם מויל.** דאָס הייסט, ער זאָל זיך 'געבן אַ ריר' ('זוזי', איז פון לשון 'יזיז' - ער זאָל זיך רירן) און אָפּהיטן די צוויי איברים מיט אַ דאָפּלטע שמירה.

**יג.** הגה"צ רבי חיים ברים זצ"ל האָט געזאָגט, אַז ער האָט געקענט אַ איד אין ירושלים עיה"ק וואָס ער פלעגט בעטן דעם אויבערשטען: **רבונו של עולם, דו האָסט מיר געגעבן חלות פאַר לחם משנה, וויין אויף קידוש און הבדלה, און די אַנדערע צרכי שבת. בעט איך דיך, באַשעפער, גיב מיר 'שבת' אויף שבת.** דאָס הייסט, איך זאָל זיך נישט באַגענוגענען מיט'ן עסן חלות און טרינקען וויין, נאָר איך זאָל שפירן די עצם זיסקייט פון דעם הייליגן שבת. **אַזוי בעטן מיר אויך, רבונו של עולם, דו גיסט אונז אַלע צרכי יום טוב, אנא ה', גיב אונז אויך 'פסח' אויף פסח...**

**יד.** אין כלל פון 'שואלין ודורשין', איז אויך צו בעטן בתחנונים אַז מ'זאָל זוכה זיין צו ווערן אָפּגעהיטן פון אַ משהו חמץ, און אַז מ'זאָל האָבן סייעתא דשמיא ריכטיג אָפּצוהיטן די מצוות פונעם יום טוב.

על ביעור חמץ - עת רחמים ורצון ווען מ'רוימט ארויס דעם יצר הרע

**מורא'דיגע** ווערטער, שרייבט דער הייליגער 'בת עין' זי"ע (דרוש לפסח, פרשת מצורע), וועגן דעם ווי דער 'ערב פסח' איז מסוגל זיך צו דערנענטערן צום באַשעפער ברוך הוא. דער הייליגער 'בת עין' שרייבט, אַז מ'קען זאָגן אַז דאָס איז דער ענין פון ערב פסח אין דער זעקסטער שעה... עס איז אַ 'זמן ביעור לכל', די צייט פון 'ביעור חמץ' פאַר יעדן איינעם. אויב דער מענטש טוט דעמאָלס תשובה שלימה פאַר'ן באַשעפער ברוך הוא, ער רוימט אויס און איז מבטל אין זיין האַרץ אַלע זיינע שלעכטע מעשים, איז דעמאָלס אַן עת רצון פאַר דעם באַשעפער ברוך הוא מער ווי אַ גאַנץ יאָר, 'והבא ליטהר מסייעין אותו'[טו].

**און** צוליב דעם, אין די זעקסטע שעה, וואָס דעמאָלס ווערט אָפּגעהאַקט דער ענין פון 'חמץ', וואָס איז מרמז אויף דעם יצר הרע (פון דעם אות חי"ת, ווערט אַ ה"א), און עס הייבט זיך אָן דער ענין פון 'מצה', וואָס דער פוס פונעם אות ה"א הענגט אַראָפּ, כדי מרמז צו זיין אַז יעדער איינער וואָס וויל אַריינקומען (אין דער וועלט פון תשובה, קען אַריינקומען (מנחות כט:), און דעמאָלס איז אַן עת רצון אין הימל[טז].

**הגה"צ** רבי ירוחם לייבאָוויץ זצ"ל, דער משגיח פון דער מירער ישיבה אין ליטע, שרייבט ('דעת חכמה ומוסר', ח"א, מאמר לז) אַ מורא'דיגע שמועס: וואָס זוכט אַ איד, ווען ער איז בודק חמץ? ער זוכט נאָר דעם 'שאור שבעיסה', וואָס דאָס איז דער יצר הרע (ברכות יז.). לויט

---

הרה"ק בעל 'שפע חיים' מ'קלויזענבורג זי"ע, האָט דערציילט, אַז איינע פון די צדיקים האָט געפונען אַ ווייץ אין די יוהך וואָס מ'האָט איהם דערלאַנגט צו עסן אין יום טוב פסח. ער איז געוואָרן דערציטערט דערפון, און יענע נאַכט האָט ער געמאַכט אַ 'שאלת חלום', אָנצופרעגן אין הימל פאַרוואָס עס האָט פאַסירט ביי איהם אַזאַ מכשול. האָט מען איהם געענטפערט פון הימל, אַז דאָס האָט ניט פאַסירט ווייל מ'האָט ניט גוט געריינִיגט דאָס הויז פון חמץ, נאָר מ'האָט צוגעפירט אַזוי פון הימל אַז אַ פויגל זאָל אַריבערגיין מיט אַ ווייץ אין מויל איבער דעם פענצטער אויפ'ן דאַך, און דאָס ווייצל זאָל אַריינפאַלן אינעם טאָפּ. דער מכשול האָט פאַסירט **ווייל ער האָט פאַרגעסן מתפלל צו זיין און בעטן דעם באַשעפער אַז ער זאָל איהם אָפּהיטן פון איסור חמץ.**

**טו.** פריערדיגע צדיקים האָבן געזאָגט, אַז אין דער יעצטיגער צייט טוט מען אויסרוימען פון דער וועלט אַלע כוחות פון טומאה און שלעכטס, און די לופט ווערט ריין פון יעדן סאָרט שמוץ. **די צייט איז מסוגל צו בעטן דעם באַשעפער, דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, אַלעס וואָס מ'דאַרף האָבן.**

עס איז באַקאַנט אַז ביי אַסאַך צדיקים האָט מען געזעהן אַ געוואַלדיגע עבודה ביים פאַרברענען דעם חמץ.

אַזוי האָבן עדות געזאָגט די משמשים בקודש פון הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע, אַז עס האָבן גערינען טרערן פון זיינע הייליגע אויגן ווען מ'האָט פאַרברענט דעם חמץ. דאָס איז געווען אַ מחזה וואָס מ'האָט נישט געזעהן אין אַלע אַנדערע טעג פונעם יאָר (אויסער פורים, ביים זאָגן דעם 'קרובץ').

אין די דזשיקובער מנהגים ווערט געברענגט, אַז הרה"ק בעל 'עטרת ישועה' זי"ע מדזשיקוב, האָט זיך געפירט ביי שריפת חמץ, צו זאָגן די תפילה וואָס עס האָט פאַרפאַסט דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק.

**טז.** אין די צייטן פון הרה"ק רבי אהרן טשערנאָבילער זי"ע, האָט די רוסישע מלכות הרשעה אַרויסגעגעבן אַ שלעכטע גזירה רח"ל אויף די אידן אין לאַנד. ווען די עסקנים האָבן אויסגעפונען דערפון, האָבן זיי געזוכט פאַרשידענע וועגן ווי אַזוי צו צערייסן און בטל מאַכן די גזירה, און מ'האָט זיי געזאָגט, אַז מיט שוחד, קען מען בטל מאַכן די גזירה.

האָט איינע פון די עסקנים געשיקט אַ בריוו צו הרה"ק רבי אהרן טשערנאָבילער זי"ע, בעטן ער זאָל איהם העלפן מיט שאַפן געלט צווישן זיינע חסידים. צו זיין גרויסע שטוינונג, האָט אָבער הרה"ק רבי אהרן טשערנאָבילער זיך נישט וויסנדיג געמאַכט, און נישט געענטפערט אויף זיין בקשה. אויך נאָך דעם ווי ער האָט געשיקט אַסאַך שלוחים און בריוו, וואו ער האָט געשילדערט פאַר רבי אהרן טשערנאָבילער דעם געוויען באַדייט פון דער שרעקליכער גזירה רח"ל, האָט ער נאָך אַלץ נישט רעאַגירט.

איז דער עסקן אַריבערגעפאָרן צו הרה"ק רבי יצחק'ל סקווערער זי"ע, און איהם דערציילט וועגן די ביטערע גזירה, און ער האָט געבעטן דעם סקווערער רבי'ן אַז ער זאָל אויסנוצן זיין איינפלוס אויף זיין עלטערן ברודער דעם

דעם זענען זייער פאַסיג אַלע דינים פון בדיקה, 'בל יראה' און 'בל ימצא', דער 'משהו'. און עס איז אויך פאַרשטענדליך פאַרוואָס מ'זוכט דעם חמץ אין יעדן לאָך, אַז דאָרט זאָל זיך נישט געפינען אַפילו אַ שמץ און אַ משהו פונעם 'חמץ'.

**ער** זאָגט, אַז באמת ווערט דער מענטש שוין דערהויבן אָן אַ שיעור, בלויז פון בדיקת חמץ אַליין, און ווער קען זיך דען ריכטיג מתבונן זיין און משיג זיין די קדושה און טהרה צו וועלכע יעדער איד איז זוכה ווען ער זוכט אין זיין הויז דעם חמץ, אין דער פערצענטער נאַכט פון חודש ניסן".

**דאָס** זעלבע ווען מ'איז זיך מתבונן אין די דינים פון מצה-באַקן, ווי ווייט מ'דאַרף זיך היטן אַז עס זאָל נישט ווערן חמצ'דיג אַפילו אַ משהו, איז עס דאָך באמת 'מבהיל עד מאד' וכו'. אין קורצן, די גאַנצע עבודה איז צו היטן זיך אַז עס זאָל זיך נישט אַריינ'גנב'ענען אינעם מענטש אַפילו אַ 'שמץ' פונעם יצר הרע, און מ'זאָל איהם אויסרזימען פון האַרץ 'בתכלית הביעור'.

**ווען** מ'איז זיך מתבונן אין די מעשה המצוות פון ערב פסח, זעהט מען אַז ס'איז פשוט נישט מעגליך זיך פאָרצושטעלן מיט'ן מענטשליכן שכל, דעם גרויסן צירוף און זיכוך וואָס די מצוות פון ערב פסח זענען גורם צו רייניגן און לויטערן יעדן איד. אַ איד בלויז פון ערב פסח אַליין, קען קיין באַשעפעניש שוין נישט שטיין אין זיין מחיצה.

**ער פירט אויס:** ווער קען זיך דען מתבונן זיין אין דעם גרויסן ערך פון די מצוות פון ערב פסח, און דעם רושם וואָס עס לאָזט איבער אויבן אין הימל. די אתערותא דלעילא ווערט געשאפן דורך די אתערותא דלתתא, און ס'איז גענוג פאַר אונז אַראָפצוקומען אויף

---

טשערנאָבילער, צו העלפן אין דעם ענין. רבי איציקל סקווערער איז טאַקע אַריבערגעפאָרן קיין טשערנאָביל, צו זיין ברודער הרה"ק רבי אהרן, אבער אויך די השתדלות פון רבי איציקל סקווערער האָט נישט געהאָלפן, אז עפּעס זאָל זיך 'רירן' אין דעם ענין.

ערב פסח, ביים פאַרברענען דעם חמץ, האָט הרה"ק רבי אהרן טשערנאָבילער זי"ע זיך אָנגערופן צום עולם, איידער ער האָט גענומען דאָס זעקל מיט'ן חמץ, מיט'ן ערדענעם פלעשל, עס אַריינצוואַרפן אין פייער:

- ס'זענען דאָ מענטשן וואָס מיינען, אַז מיט געלט איז מען מבטל גזירות. זיי האָבן אָבער אַ טעות, נאָר **יעצט, ביי שריפת חמץ, קען מען בטל מאַכן אַלע סאָרטן שלעכטע און ביטערע גזירות...**

און רבי אהרן האָט צוגעגעבן, די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין 'יוצר' פון שבת הגדול, 'ולמה אכילת חמץ לשש שעות, זכר לחפזון שכינה, **להעביר גזירות רעות**'... געציילטע מינוטן שפּעטער, האָט דער רשע וואָס האָט אַרויסגעגעבן די גזירה, גע'פגר'ט אויף אַ וואונדערליכן וועג, און די גזירה איז בטל געוואָרן.

מיר געפינען אַ וואונדערליכן מקור דערצו, אין 'תרגום שני' (אסתר ג, ז) אַז המן הרשע האָט געזאָגט פאַר'ן קעניג אחשוורוש, 'לשון הרע' אויף די אידן, אַז **זיי פאַרברענען דעם חמץ**, און זיי זאָגן, פונקט אַזוי ווי דער דאָזיגער חמץ ווערט פאַרברענט, אַזוי זאָל פאַרברענט און אויסגערוימט ווערן די מלכות הרשעה פון אונז, און מיט דעם וועלן מיר געראַטעוועט ווערן פון דעם נאַרישן קעניג, אַזוי ווי מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן פון פרעה אין מצרים.

**יז.** דער גאון רבי שלמה אלכסנדרי סופר זצ"ל, האָט עדות געזאָגט אַז זיין פאָטער, דער גאון רבי שמעון סופר זצ"ל אבד"ק קראָקא, איז געווען גאָר פרייליך ווען ער האָט מקיים געווען די מצוה פון בדיקת חמץ. ער האָט געטראָגן די שבת'דיגע בגדים, און זיין פנים האָט געשיינט פון שמחה. אויך האָט ער זיך שטאַרק באַמיט ביי די בדיקה, און ער אַליין האָט אַריינגעשטעלט דעם קאָפּ אינעם הינער-שטייג כדי צו זוכן דאָרט דעם חמץ.

ער פלעגט נאָכזאָגן די ווערטער פון זיין הייליגן טאַטן, דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע, אַז אין מצרים זענען מיר דאָך אויסגעלייזט געוואָרן, נישט דורך אַ מלאך און נישט דורך אַ שליח, נאָר דורך דעם אויבערשטען אַליין, וועלכער איז אַראָפּגעגאַנגען קיין מצרים בכבודו ובעצמו צו הרג'ענען די מצרי"שע בכורים, איז דאָך אַוודאי און אַוודאי אַז מיר דאַרפן זיך אַליין מטריח זיין ביי בדיקת חמץ, און נישט דורך אַ שליח.

אין די לעצטע יאָרן פון אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע אויף דער וועלט, האָט איינע פון זיינע שוועסטער איהם אַמאָל באַזוכט, און דער רבי האָט איר געפרעגט אויב זי געדענקט ווי עס האָט אַמאָל אויסגעזעהן ביי 'בדיקת חמץ' (הרה"ק רבי משה מרדכי פלעגט בודק-חמץ זיין אין הויז פון זייער פאָטער, הרה"ק רבי שמעון נתן נטע זי"ע, אין די יאָרן ווען

דער וועלט, בלויז כדי מקיים צו זיין די מצוות פון ערב פסח...

**דער** גאון רבי עקיבא איגר זי"ע שרייבט אין אַ בריוו ('מכתבי רבי עקיבא איגר', מכתב יב), אַז מ'דאַרף זיך דערמאנען ערב פסח, אַז אין דער צייט ווען די אידן האָבן געוואוינט אין ארץ ישראל, האָבן מיר געהאַט אַ פרייליכן יום טוב, מ'האט גע'שחט'ן דעם קרבן פסח, און געזאָגט הלל, אָבער יעצט, צוליב אונזערע עבירות, דאַרפן מיר כאָטש מאַכן אַ זכר דערצו, און זיך פירן מיט די קדושה פונעם טאָג, צו ציטערן און טוהן מצוות אַ גאַנצן טאָג מיט ביעור און ביטול חמץ, און מיט'ן זיך צוגרייטן צום סדר, עכ"ל.

**לערנען** מיר פון די ווערטער פון רבי עקיבא איגר, דעם ענין פון 'וגילו ברעדה'. פון איין זייט, איז עס אַן צייט פון שמחה און אן עת רצון צוליב דעם וואָס מ'האָט דעמאָלס מקריב געווען דער קרבן פסח, און פון דער צווייטער זייט, דאַרפן מיר ציטערן מיט אַ הייליגן ציטער דורך דעם ביטול און ביעור חמץ, כפשוטו וכמדרשו, ווייל עס איז אַ צייט ווען דער יצר הרע ווערט אויסגעריסן פון יעדן אידישן האַרץ[יח].

**ישלים שנתו - דער בריוו פון הגה"ק רבי שמשון אסטראפאליער זי"ע**

הגה"ק רבי שמשון אָסטראָפּאָליער זי"ע האָט צוגעזאָגט אַ גרויסע הבטחה, אַז יעדער איד וואָס לערנט אַדורך דעם בריוו וואס ער האָט געשריבן (הייליגע רמזים אין די ווערטער פונעם בעל ההגדה) כאָטש איינמאָל אַ יאָר, ספּעציעל פּסח ביינאַכט, 'איז פאַרזיכערט אַז ער וועט געראַטעוועט ווערן אין קומענדיגן יאָר פון יעדן מכשול און מיתה משונה און אַנדערע אונסים. זיינע פיינט וועלן נישט געוועלטיגן איבער איהם, און אַלע זיינע שונאים וועלן פאַלן אונטער איהם, און ער וועט האָבן הצלחה אין אַלע זיינע וועגן, וואו ער וועט זיך ווענדן', עכל"ק.

**און** כאָטש ביים ערשטן בליק, ווען מ'לערנט דעם הייליגן בריוו, זעהען אויס די ווערטער ווי טיפזיניג און אומפאַרשטענדליך, אבער אויב מ'לערנט דעם בריוו געלאַסן און מיט ישוב הדעת, זעהט מען אַז מ'קען פאַרשטיין זיינע הייליגע ווערטער בדרך הפשט, און דערפאַר איז זייער ריכטיג פאַר יעדן איינער צו לערנען דעם בריוו, און ער וועט זוכה זיין אַ גרויסע שמירה אין אַלע זיינע וועגן[יט].

---

הרה"ק רבי שמעון האָט געוואוינט אין פוילן). **בדיקת חמץ האָט דעמאָלס געדויערט אַ גאַנצע נאַכט, און ס'זענען פאַרגאָסן געוואָרן אַסאַך טרערן...** (געברענגט אין ספר 'מכתב סופר', ח"א)

**יח.** מיר האָבן געהערט פון אַ איד וואָס איז געווען אָנוועזנד ווען הרה"ק בעל 'ישועות משה' מ'וויזשניץ זי"ע, איז געווען אויפ'ן וועג צום פאַרברענען דעם חמץ. גייענדיג צו שריפת חמץ, האָט דער 'ישועות משה' געזאָגט:

- די גאַנצע עבודה פון היינטיגן טאָג איז מיט פייער. מ'איז בודק חמץ 'לאור הנר'. דעם חמץ פאַרברענט מען אין פייער, און אויך דאָס באַקן מצות איז אין אַן אויוון פון פייער... דאָס לערנט אונז, אַז **די עבודה פון היינטיגן טאָג דאַרף געטוהן ווערן מיט אַ הייליגן פייער.**

**יט.** דער ערלויער רב, כ"ק אדמו"ר רבי יוחנן סופר זצ"ל, האָט דערציילט, אַז אין די ביטערע צייטן פון דער צווייטער וועלט מלחמה איז ער אַמאָל חודש אלול געווען אין אַ גרויסע סכנה ל"ע. עס האָט געפעלט אַ האָר צווישן איהם און דעם טויט רח"ל. פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאנט אַז יענעם יאָר האָט ער נישט געלערנט דעם בריוו פון הגה"ק רבי שמשון אָסטראָפּאָליער זי"ע. האָט ער זיך באַלד אַוועקגערוקט אין אַ זייט און אַדורכגעלערנט דעם בריוו, און זינט דאַן האָט ער זוכה געווען צו סייעתא דשמיא, ער איז געראַטעוועט געוואָרן פון פאַרשאָלטענע דייטשע רשעים ימ"ש, און האָט בחסדי ה' איבערגעלעבט די מלחמה.

אויך האָט ער דערציילט, אַז זיין זיידע, דער ערלויער רב הגאון רבי שמעון סופר זצ"ל הי"ד, מחבר פון ספר 'התעוררות תשובה', איז געווען 94 יאָר אַלט ביי זיין הסתלקות. יעדעס יאָר האָט ער מקפיד געווען צו לערנען דעם בריוו פון רבי שמשון אָסטראָפּאָליער, אָבער אין לעצטן יאָר פון זיין לעבן, שנת תש"ד, האָט ער נישט באַוויזן אַדורכצולערנען דעם בריוו, און ער איז יענעם יאָר נסתלק געוואָרן אומקומענדיג במעלות קדושים וטהורים על קידוש השם אין אוישוויץ, ווייל ער האָט נישט געהאַט די הבטחה פון רבי שמשון אָסטראָפּאָליער, געראַטעוועט צו ווערן פון יעדן צער ונזק במשך פונעם יאָר.

**ואמונתך בלילות - דאָס איז מיין צוואה און אמת'ער רצון: גלייבט'ס מיט אמונה**

די משנה זאָגט (פסחים קטז.) רבן גמליאל פלעגט זאָגן, 'כל שלא אמר שלשה דברים אלו בפסח, לא יצא ידי חובתו'. יעדער מענטש וואָס האָט נישט געזאָגט די דריי זאַכן, 'פסח', 'מצה', און 'מרור' פסח ביינאַכט, האָט נישט יוצא געווען דעם חיוב פון סיפור יציאת מצרים, און די גמרא ברענגט דאָרט די פסוקים און מקורות פאַר די דריי זאַכן.

**זאָגט** רבינו מנוח (הלכות חמץ ומצה פ"ז, הלכה ה-ו) אַז מ'דאַרף ממש אַרויסזאָגן די טעמים פון די דריי ענינים, ווייל אַלע מצוות האָבן אַ טעם, און דאָס וויסן דעם טעם פאַרוואָס מ'דאַרף טוהן די מצוות, איז אַ גרויסער עיקר נאָכ'ן טוהן די עצם מצוה[כ]. און אַוודאי געוויס, צו וויסן דעם טעם פון די מצוות אין פסח, ווייל מיט'ן דערמאָנען דעם טעם, ווערט דער מענטש נתעורר צו גלייבן אין באַשעפער אַ אמת'ע און גאַנצע אמונה, ווייל ביי יענע גאולה האָבן אַלע אידן (און אויך די גוים,

---

**כ.** דער מאירי ז"ל שרייבט אין 'בית הבחירה' (הקדמה על הש"ס, ד"ה 'כל זה הערה') אַ כוונה אין פסוק 'עת לעשות לה' הפרו תורתך' (תהלים קיט, קכו). עת לעשות לה' - דער מענטש וואָס איז מקיים אַ מצוה נאָר דערפאַר ווייל יעצט איז די צייט עס מקיים צו זיין (צום ביישפיל, פסח ביינאַכט עסט ער מצה און מרור וכו', און סוכות ביינאַכט זיצט ער סוכה, א.א.וו.), אָבער ער האָט נישט אין זינען דעם טעם פון די מצוה, איז ער אין כלל פון 'הפרו תורתך' ח"ו, ווייל נישט דאָס וויל דער אויבערשטער. נאָר ווי דוד המלך ע"ה זאָגט פריער (תהלים שם, פסוק קכה) 'עבדך אני הבינני' - איך בין דיין קנעכט, און **איך וויל וויסן און פאַרשטיין די טיפקייט פון די טעמים פון די מצוות, און עס מקיים זיין מיט דעת און מיט דער גאַנצער כוונה.**

שרייבט דער 'מאירי' ווייטער, ווייל אויב דער מענטש וועט סתם עסן מצה אין פסח, און ער וועט זיצן אין סוכה אין יום טוב סוכות, איז ער אַזוי ווי אַן אייזל וואָס טראָגט די בינטלעך אין צייט פונעם שניט, און די טרויבן ווען מ'קלויבט די טרויבן, און ער טראָגט די ווייץ ווען מ'מאָלט עס, און פאַר איהם זעלבסט, בלייבט גאָרנישט איבער פונעם גאַנצן שווערן פאַק וואָס ער האָט געטראָגן.

דער מענטש זאָל נישט מיינען, אַז דאָ מיינט מען נישט איהם, ווייל ער איז דאָך אַ פשוט'ער מענטש און ער פאַרשטייט נישט די סודות און כוונות פון די מצוה. דאָס איז אָבער נישט ריכטיג, ווייל יעדער איינער דאַרף אין זינען האָבן לויט **זיין** דעת און השגה, ווי דער 'מאירי' שרייבט דאָרט, אַז אויך דער המון עם, מיט זייער קליינעם שכל, דאַרפן נתעורר ווערן ביים טוהן די מצוה, אַז די כוונה זאָל זיין בדרך כלל כדי מקיים צו זיין די גזירה וואָס ליגט אויף איהם פון דעם אויבערשטען, און צו טוהן די זאַך פאַר'ן באַשעפער'ס כבוד, און מיט אט די כוונה מקיים צו זיין די מצוה, ע"כ.

דער מענטש קען אַמאָל אָפּרייניגן זיין הויז און נישטערן אין אַלע לעכער צו טרעפן אַ ברעקל חמץ, און ער קען אַפילו אָפּרעכטן דעם 'סדר' מיט התלהבות און דביקות, אָבער מיט דעם אַלעם, האָט ער נאָך נישט דערגרייכט די מטרה פון דער מצוה און דעם רצון פונעם באַשעפער, און ער איז נישט אַרויסגעגאַנגען פון זיינע אייגענע 'ענגשאַפטן' ('מצרים'), און ער איז אין אַ געפאַר צו פאַרבלייבן, ער און זיינע קינדער, משועבד צו פרעה אין מצרים ח"ו - ווייל ער איז פאַרנומען נאָר מיט'ן טפל, און נישט מיט'ן עיקר.

הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט נאָכגעזאָגט (לקיוטי הרי"ם', ליקוטים, מלחמת היצר) אין נאָמען פון הרה"ק רבי שמחה בונם פון פשיסחא זי"ע, אַ משל, אַ רייכער מאַן האָט געקויפט פאַר זיך אַ מעכטיגן פערד, ממש נישט דאָ זיינס גלייכן. ער האָט באַצאָלט פאַר דעם שטאַרקן פערד אַסאַך געלט. כדי אָפּצוהיטן דעם פערד פון גנבים, האָט ער געבויט אַ גרויסע צוים אַרום די שטאַל וואו דער פערד דאַרף וואוינען. ער האָט אָבער נאָך אַלץ געהאַט אַ חשש אַז די גנבים וועלן שוין געפינען עפּעס אַ לאָך אין דער מויער און זיי וועלן איהם צו'גנב'ענען דעם טייערן פערד. האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ וועכטער צו היטן דעם שטאַל, מיט אַ 'תנאי קודם למעשה', אַז ער טאָר נישט איינדרימלען במשך פון דער גאַנצער נאַכט, אפילו אויף אַ סעקונדע, נאָר ער זאל אָפּהיטן דעם פערד מיט אַלע כוחות. ער האָט איהם אויך אָנגעזאָגט ער זאָל זיך פאַרטיפן אין זיינע געדאַנקען, און אַזוי וועט ער נישט איינדרימלען שטייענדיג אויף דער וואַך צו היטן דעם פערד.

דער וועכטער האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו היטן דעם פערד, אָבער דער רייכער אייגנטימער פונעם פערד איז נאָך אַלץ נישט געווען רואיג. ער האָט זיך אויפגעוועקט פון שלאָף יעדע שעה, און איז אַרויס אין הויף כדי צו זעהן אויב דער וועכטער שטייט טאַקע אויף דער וואָך. ווען ער האָט געזעהן דעם וועכטער, האָט ער איהם

להבדיל) אויסגעפונען אַז נאָר דער אויבערשטער געוועלטיגט איבער הימל און ערד.

**און** אויף דעם האָט מען מתקן געווען צו זאָגן דערנאָך, 'בכל דור ודור חייב אדם לראות' וכו', און מיט'ן דערמאנען דאָס וועט די יראה פאַר דעם אויבערשטען זיין אויפ'ן פנים פונעם מענטש, אַז באַלד ווען ער זעהט די השגחה פון באַשעפער וואָס ער האָט געהאַט אויף די אידן, און עס וועט זיך נישט אָפטוהן קיינמאָל, און אויב עס וועט איהם זיין ענג ח"ו וועט ער זיך פאַרלאָזן אויף דעם באַשעפער, 'מקוה ישראל מושיעו בעת צרה', אַז פונקט ווי די צרה פון גלות מצרים איז געווען אַ סיבה עס זאָל שפעטער זיין בעסער פאַר די אידן, אַזוי זענען אַלע צרות פונעם גלות אַ טובה פאַר אידן, צו העלפן זיי מיט אַן אייביגע הילף, עכ"ל.

די ווערטער פון רבינו מנוח, זענען אַ 'מועט המחזיק את המרובה'. זיי ברענגען אַרויס דעם גאַנצן מהות און תוכן פון יום טוב פסח - דער יום טוב פון אמונה. ספּעציעל נעמט עס אַריין דעם גאַנצן תוקף פון דער הייליגער נאַכט פון פסח, וואָס איז אַ נאַכט פון 'גילוי שכינה', ווען עס ווערט גאָר שטאַרק אַנטפּלעקט דער שיין פון די ריינע אמונה[כא]. 'לילה כיום יאיר', און 'כבוד ה' עלינו זורח' - דער באַשעפער שיינט אַריין אין אַלע פינצטערנישן פון אונזערע הערצער. עס איז אַ 'זמן גרמא', און ס'איז גאָר שטאַרק מסוגל איינצוּוואָרצלען אין האַרץ פונעם מענטש די אמונה שלימה, און פון דעם קען ער לעבן אַ גאַנץ יאָר[כב].

**דאָס** איז די עבודה פון דער נאַכט פון פסח, און פון גאַנצן יום טוב פסח, איינצוזאַפּן אין די נשמה

געפרעגט וואָס ער טראַכט... האָט דער וועכטער געענטפערט, אַז יעצט זענען זיינע געדאַנקען פאַרנומען מיט אַ 'חקירה', אַז ווען מ'מאַכט אַ לאָך אין דער וואַנט, וואו גייט די ערד אָדער דאָס האָלץ וואָס זענען ביז יעצט געווען אין דער וואַנט, אינעם אָרט פונעם יעצטיגן לאָך. דער גביר איז געווען צופרידן פונעם ענטפער, און געזאָגט, 'זייער גוט טוסטו', ווייל דורך דעם וואָס דו ביזט פאַרנומען מיט דיין 'חקירה', שלאָפסטו דאָך נישט איין...

נאָך דעם ווי דער בעה"ב איז צוריקגעגאַנגען צו זיין געלעגער און זיך צוריקגעלייגט שלאָפן, האָט ער זיך ווידער דערוועקט נאָך אַ שטונדע, און איז אַרויסגעגאַנגען צום וועכטער, צו זעהן וואָס עס קומט פאַר מיט'ן פערד. אויך דאָס מאָל האָט דער וועכטער איהם געזאָגט, אַז ער זיצט און טראַכט אַ 'חקירה', ווען אַ מענטש עסט אַ 'בייגל', וואו ווערט פאַרשוואונדן דער לאָך וואָס איז געווען פריער אינעם בייגל...

אַ שעה שפּעטער, איז דער 'בעל הסוס' - דער רייכער אייגנטימער פונעם פערד, ווידער אַרויס אין הויף צו זעהן וואָס עס הערט זיך מיט'ן פערד... דאָס מאָל האָט איהם שוין דער וועכטער געזאָגט, אַז ער זיצט און טראַכט אַ 'חקירה': ווי אַזוי איז מעגליך אַזאַ זאַך, אַז איין מענטש זאָל אַריינלייגן אַזוי פיל געלט און כח אין אַ פּשוט'ן 'פערד'... ער האָט אַפילו געבויט אַ פעסטע מויער אַרום דעם שטאַל, און אויך געדונגען אַ וועכטער איהם אָפּצוהיטן. און אויב ס'איז נישט גענוג דאָס אַלעס, קען דער בעה"ב פשוט נישט שלאָפן אַפילו אַ 'שינת הסוס'... פון גרויס פחד צי מ'וועט נישט חלילה גנב'ענען זיין טייערן פערד... און צום סוף איז דאָס פערד נישט דאָ, ווייל גנבים האָבן איהם צוגע'גנב'עט... ווי אַזוי איז מעגליך אַזאַ זאַך...

דער משל האָט אַ טיפן געדאַנק: עס פּאַסירט אָפט מאָל אַז דער מענטש איז פאַרנומען מיט פאַרשידענע זאַכן, ער קען אַפילו זיין וואַך אַ גאַנצע נאַכט, און מיט דעם אַלעם, פאַרגעסט ער דעם עיקר, און ער פאַרנעמט זיך נאָר מיט זייטיגע זאַכן 'אַרום' דעם עיקר ענין, און נישט מיט'ן עיקר זעלבסט.

**כא.** דוד המלך ע"ה זאָגט 'להגיד בבוקר חסדך ואמונתך בלילות' (תהלים צב, ג). דאַרף מען לכאורה פאַרשטיין, אויף דעם צופרי זאָגט ער אַ לשון יחיד - '**בבוקר**', און וועגן די נאַכט, זאָגט ער אַ לשון רבים - '**בלילות**'?

זאָגט דער 'נתיבות שלום' (ח"ב, ע' רפד) אַז דער פסוק איז דאָ מרמז אויף די צוויי נעכט אינעם יאָר, **די סדר-נאַכט, און די נאַכט פון שביעי של פסח**, וואָס דער הויפּט גילוי שכינה איז געווען פסח ביינאַכט - 'ליל שימורים', 'ועברתי בארץ מצרים בלילה הזה', און שביעי של פסח - ווען דער אויבערשטער האָט געשפּאָלטן דעם ים סוף. אויף דעם זאָגט ער, 'ואמונתך בלילות'. די דאָזיגע צוויי נעכט, זענען 'ראש השנה לאמונה', און דורך דעם וואָס מ'שטאַרקט זיך אין די נעכט מיט די אמונה ('ואמונתך'), איז מען זוכה 'להגיד בבוקר חסדך' - אַ גאַנץ יאָר.

**כב.** דער הייליגער חיד"א זי"ע שרייבט, מ'זאָל דערציילן די פאָלגענדע מורא'דיגע מעשה, יעדעס יאָר פסח ביינאַכט ביים סדר. אַ פרוי וואָס עס האָט זיך אָנגעטשעפּעט אין איר אַ 'דיבוק' רח"ל, איז געברענגט געוואָרן צום

און אינעם נפש, און אין אַלע רמ"ח איברים און שס"ה גידים, די קניינים פון אמונה, ס'זאָל איהם שטענדיג זיין גוט.

**'זאת** עמלינו אלו הבנים'. נאָך מער איז דאָס געזאָגט געוואָרן כלפי די קינדער, וואָס יעצט איז די צייט אַריינצודרינגען אין זייער מוח און אָנצינדן אין זייער האַרץ די געפילן פון אמונה אין באַשעפער פון אַלע וועלטן. אָט דאָס איז די מצוה פונעם טאָג, 'והגדת לבנך' - צו דערציילן דעם סיפור יציאת מצרים פאַר זיינע קינדער[כג].

**אַזוי** זאָגט דער אַפּטער רב זי"ע, אין 'אוהב ישראל' (לפסח, ד"ה 'יכול מראש חודש'), אַז מיר זענען אויך אַ

---

הייליגן אריז"ל, אַז ער זאָל אַראָפּנעמען פון איר די נשמה וואָס האָט זיך אָנגעקלעבט אין איר. האָט דער אריז"ל געשיקט זיין הייליגן תלמיד מובהק, הגה"ק רבי חיים וויטאַל זצ"ל, צו געפינען אַ תיקון פאַר די אומגליקליכע נשמה פונעם 'דיבוק'. רבי חיים וויטאַל האָט געטוהן וואָס ער האָט געטוהן, און דאַן איז ער געגאַנגען צו די פרוי, צו רעדן מיט איר. ווען רבי חיים וויטאַל איז אַריינגעקומען, האָט זי אַוועקגעדרייט פון איהם איר פנים, אָנגעבנדיג דעם טעם דערפאַר, אַז אַ רשע קען נישט קוקן אויפ'ן פנים פון אַ צדיק.

האָט רבי חיים וויטאַל געפרעגט די נשמה, ווי אַזוי זי האָט באַוויזן זיך אַריינצוכאַפּן אין דער דאָזיגער פרוי. האָט די נשמה געענטפערט, אַז די פרוי האָט אַמאָל גענומען צוויי שטיינער און עס געריבן איינעם אין אַנדערן כדי אַרויסצוציהען דערפון פייער, און אינמיטן זענען די שטיינער אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. דאָס האָט איר אַריינגעברענגט אין אַ גרויסן כעס, און זי האָט אַרויסגעלאָזט פון מויל אַ קללה אויף זיך אַליין אַז זי זאָל צו אַלע רוחות רח"ל, און אין יענע מינוטן האָט די נשמה באַוויזן אַריינצוגיין אין איר.

הערנדיג די דאָזיגע ווערטער, האָט רבי חיים וויטאַל זי"ע זיך זייער געוואונדערט דערויף, אַז צוליב'ן נכשל ווערן איין מאָל מיט כעס זאָל זי באַקומען אַזאַ הארבן עונש, אַז אַ 'דיבוק' זאָל זיך אָנטשעפּען אין איר און איר אַזוי פייניגן. האָט דער 'רוח' פון די נשמה געענטפערט פאַר רבי חיים וויטאַל, אַז אַוודאי איז דאָס נישט די הויפּט סיבה פאַר איר שטראָף, נאָר דער שטן איז זייער שטאַרק מקטרג רח"ל ווען אַ מענטש בייזערט זיך, און דעריבער האָט זי באַוויזן זיך אַריינצוכאַפּן אין די פרוי ווען זי איז געווען אין אַ שטאַרקן כעס. דער עיקר טעם און סיבה פאַרוואָס זי איז געשטראָפט געוואָרן מיט אַזעלכע שטאַרקע יסורים רח"ל איז ווייל זי איז נישט 'תוכה כברה'. **פסח ביינאַכט, ווען אַלע האָבן מקיים געווען די מצוה פון סיפור יציאת מצרים, איז זי געווען מסופק אין איר אמונה, און וועגן דעם איז אויף איר נגזר געוואָרן אַזאַ שרעקליכער עונש.**

די פרוי האָט זיך שטאַרק צעוויינט און זי האָט זיך מתוודה געווען פאַר רבי חיים וויטאַל, אויף די מחשבות פון אפיקורסות רח"ל וואָס עגבערן אין איר מוח, און זי האָט געזאָגט אַז זי וויל תשובה טוהן פון יעצט און ווייטער, און דערנענטערט ווערן צום אויבערשטען ברוך הוא. דאַן האָט רבי חיים וויטאַל איר געפרעגט, אויב זי גלייבט באמת אין דעם סיפור יציאת מצרים, און ווען זי האָט געענטפערט מיט אַן אמת'ן 'יאָ', האָט די נשמה פונעם דיבוק איר תיכף פאַרלאָזט, און זי האָט זינט דאַן געהאַט מנוחה ושלוה.

**כג.** הגה"צ רבי אליהו לאָפּיאַן זצ"ל האָט דערציילט, אַז ער האָט געהערט אין קעלעם פון אַ תלמיד חכם מיט'ן נאָמען רבי בצלאל, אַז ביי זיין זיידן דער בעל 'מלבושי יום טוב' זצ"ל ביים סדר, איז דער זיידע געזעסן עטליכע מינוט פאַר'ן אָנהייבן זאָגן די הגדה, און מיט איבעראַשונג האָט ער געזאָגט אויך אויפ'ן קול:

- אַזוי ווי מיר רעכטן אָפּ דעם 'סדר' צוזאַמען מיט אונזער משפחה, אַזוי טוהען אַלע מענטשן אין שטאָט דאָס זעלבע, ממש 'כצורתו וכמתכונתו'. דאָס זעלבע טוהען אויך די אידן אין דער גאַנצער אומגעגנט, און אין גאַנצן לאַנד. אַזוי אויך אין דער גאַנצער וועלט, פראַוווען אידן דעם סדר מיט מצה און מרור און די גאַנצע הגדה. ווייסט איר וואו מיר האָבן געזעהן דעם דאָזיגן 'סדר'? ביי אונזערע עלטערן, און זיי האָבן דאָס צוגעזעהן ביי זייערע עלטערן, און אַזוי העכער און העכער, די פריערדיגע דורות, די אחרונים און פאַר זיי די ראשונים, און פאַר זיי - די גאונים, אמוראים און תנאים, און אַלע פאַר זיי, ביז דעם דור פון די אידן וואָס האָבן מקבל געווען די תורה אויפ'ן באַרג סיני... און אויף זיי זאָגט דער פסוק (שמות יט, ד) **'אתם** ראיתם אשר עשיתי למצרים', זאָגט רש"י, דאָס איז נישט אַ 'מסורה' ביי ענק, און נישט מיט רייד טוה איך אייך איבערגעבן, נישט מיט עדים זאָג איך עדות, נאָר **'אתם** ראיתם אשר עשיתי למצרים' - **עטס האָטס אַליין געזעהן וואָס איך האָב געטוהן צו די מצריים.**

גאַנץ יאָר מצווה צו געדענקען יציאת מצרים, און אויב דער קינד וועט פרעגן זיין טאַטן, דאַרף ער איהם אייביג דערציילן דעם סיפור פון יציאת מצרים און אַנדערע ענינים פון אמונה, אָבער פונדעסטוועגן פּאַסירט אַמאָל אַז די ווערטער פונעם טאַטן ווערן נישט אויפגענומען אין האַרץ פונעם זון, ווייל נישט אייביג איז ער אין אַ מדריגה עס אויפצונעמען.

**פסח ביינאַכט**, ווערט אָבער נתעורר אין אידישע הערצער אַ גרויסע לעבטיגקייט, וואָס העלפט אידישע קינדער אויפצונעמען די אמונה. עס ווערט 'אַריינגעשטעקט' אין זייערע הערצער, אַזוי ווי אַ נאָדל וואָס איז אַריינגעקלאַפּט אין דער וואַנט און מ'קען עס נישט אַרויסנעמען. דאַן איז דער טאַטע בכח איינצופלאַנצן די אמונה אין די הערצער פון זיינע קינדער, און דער טאַטע דאַרף רעדן צו זיין זון לויט זיין כוח און פאַרשטאַנד, ווי ס'איז דער לשון פון דער משנה (פסחים פ"י, מ"ד) 'ואם אין דעת בבן אביו מלמדו' - און אויב דאָס קינד פאַרשטייט נישט, טוט זיין טאַטע לערנען מיט איהם, ווייל אין ליל הסדר ווערן די ווערטער איינגעקריצט אין זיין האַרץ, און עס לאָזט איבער אויף איהם אַ רושם פון קדושה אויפ'ן גאַנצן לעבן[כד].

**דער** גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע, האָט געזאָגט אַ טעם פאַר דעם מנהג ישראל אָנצוטוהן אַ ווייסן 'קיטל' פסח ביינאַכט ביים סדר, ווייל אין דער דאָזיגער נאַכט איז יעדער טאַטע מחויב איבערצוגעבן פאַר זיין זון די ניסים וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט די

---

ווען ער האָט געענדיגט זאָגן די ווערטער, האָט ער אָנגעהויבן זאָגן די הגדה מיט התרגשות און אמונה: 'קדש ורחץ' וכו'. דעם דאָזיגן געפיל האָט ער געוואָלט אַריינברענגען אין אַלע אָנוועזענדע, זיי זאָלן זיין אין אַ מצב ווען זיי זאָלן 'זעהן' מיט די אייגענע אויגן יציאת מצרים, אַזוי ווי עס האָט פּאַסירט מיט זיי דעמאָלס, ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען 'מעבדות לחירות' - פון גלות מצרים. (געברענגט אין הגדה של פסח, 'חיים שיש בהם')

**כד.** אין מאַנשעסטער האָט געוואוינט אַן עלטערער איד, ר' יעקב יוסף ווייס ז"ל, וועלכער האָט איבערגעלעבט אַלע שוידערליכקייטן פון די צווייטע וועלט מלחמה, און איז נפטר געוואָרן בשיבה טובה, זקן ושבע ימים. יעדעס יאָר פסח ביינאַכט ביים סדר, פלעגט ער דערציילן פאַר זיינע קינדער, אַז אין די שווערע צייטן פון דער מלחמה האָט ער געהאַט אַ גוטן חבר וועלכער איז צוזאַמען מיט איהם פאַרוואָגלט געוואָרן אין ביטערן קאָנצענטראַציע לאַגער. ר' יעקב יוסף פלעגט שטענדיג דערמוטיגן זיין חבר, ער זאָל זיך נישט מייאש זיין פון באַשעפער'ס רחמנות. 'כי ה' הוא האלוקים אין עוד מלבדו', און אויב דער אויבערשטער וויל אַז זיי זאָלן געראַטעוועט ווערן, וועט אַזוי געשעהן: 'כי ה' הוא האלוקים, אין עוד מלבדו'. זיין חבר האָט אָבער נישט געקענט אויסהאַלטן די שווערע יסורים ל"ע אין לאַגער, און ער פלעגט איהם שטענדיג טשעפּען אַז ס'איז זייער שווער צו גלייבן אינעם באַשעפער אין אַ צייט ווען אידן ווערן נעבעך אַזוי דערנידערט און געפּייניגט דורך די דייטשע שונאי ישראל ימח שמם. ר' יעקב יוסף האָט אָבער נישט פאַרלוירן זיין אמונה אין באַשעפער, און ער האָט כסדר געזאָגט צו זיין חבר, די וועסט זעהן, מיט'ן אויבערשטען'ס הילף וועלן מיר נאָך זוכה זיין אַרויסצוקומען פון דעם 'גיא צלמות', און מיר וועלן אַרויסגיין 'מאפילה לאור גדול'.

אין אַ טאָג האָבן די רשעים זיי געפירט צום גאַז קאַמער רח"ל. האָט דער חבר געזאָגט צו ר' יעקב יוסף מיט ביטערניש: נו, וואָס האָסטו יעצט צו זאָגן? ר' יעקב יוסף איז אָבער נישט נתפעל געוואָרן און האָט געענטפערט: אויך אין דעם גרעסטן הסתר פנים, געפינט זיך אונזער גרויסער באַשעפער, און חז"ל זאָגן 'אפילו חרב חדה מונחת על צווארו של אדם, אל ימנע עצמו מן הרחמים'.

אַ קורצע צייט שפּעטער, איז דער 'עס עס' מאַן געקומען פאַרמאַכן די טיר פון דער קרעמאַטאַריע, אָבער ס'איז נישט געווען גענוג פּלאַץ פאַר אַלעמען און די טיר האָט זיך נישט פאַרמאַכט, האָט ער באַפוילן פאַר ר' יעקב יוסף, וועלכער איז געווען ברייט-ביינערדיג און אַ 'בעל בשר', אַרויסצוקומען פון גאַז קאַמער, און נאָר אַזוי האָט ער געקענט פאַרמאַכן די טיר און פאַרגאַזן אַלע קרבנות, וועמענס הייליגע נשמות זענען אַרויף אין פייער צום הימל, הי"ד, און רבי יעקב יוסף איז געראַטעוועט געוואָרן אין דער לעצטער מינוט.

און רבי יעקב יוסף פלעגט אויספירן דעם ניסים'דיגן סיפור, **אַז די דאָזיגע שטאַרקע אמונה איז געוואָרן איינגעוואָרצלט אין זיין האַרץ און מוח, ווען ער איז געזעסן ביי זיין טאַטן'ס סדר פסח ביינאַכט, ווען דער טאַטע פלעגט מעורר זיין די קינדער און משפחה צו גלייבן באמת אין דעם גרויסן הייליגן באַשעפער.**

אידן אין מצרים, וואס די גאנצע אמונה ווענדעט זיך אין דעם, און כדי ער זאל עס קענען טוהן מיט א שלימות, דארף ער אנטוהן א 'קיטל', וואס איז א ווייסער בגד ענליך צו תכריכים, און אזוי וועט ער זיך דערמאנען דעם טאג ווען ער וועט אוועקגיין פון דער וועלט - 'ואם לא עכשיו, אימתי'[כה]? ער זאל פארשטיין אז ער דארף אויפשטעלן דורות וואס זאלן פארזעצן צו גיין אינעם באשעפער'ס וועג מיט אמונה פשוטה, און ער זאל איבערגעבן אלע גבורות, ניסים ונפלאות פון באשעפער צום שפעטערדיגן דור[כו].

**אין** זכות פון די דאזיגע אמונה וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן אויך לעתיד לבוא[כז], ווי עס שטייט אין ספה"ק "מאור עינים" (פ' צו), ביי קריעת ים סוף, איז געווען א קיטרוג "אלו ואלו עובדי עבודת כוכבים", אז די אידן האבן אויך געדינט עבודה זרה. אויב אזוי דארף מען פארשטיין, ווי אזוי זענען זיי טאקע אויסגעלייזט געווארן?

**ענטפערט** דער "מאור עינים", אז אין מצרים, האבן די אידן געפירט דעם גאנצן "סדר" ביינאכט, געגוי אויף דעם זעלבן אופן ווי מיר פראווען היינט א

---

**כה.** ענליך זאגט זיין אייניקל, דער גאון בעל 'חתן סופר' זצ"ל, אז דאס אנטוהן דעם 'קיטל' פסח ביינאכט, קומט דערמאנען דעם מענטש אז נאך 120... וועט ער זיין אנגעטוהן אין 'ווייסע' קליידער, און ער וועט שוין נישט קענען מוסיף זיין פאר זיך קיין שום זכויות, נאר ער וועט דארפן אנקומען צו זיינע קינדער זיי זאלן זאגן קדיש לעילוי נשמתו, און זאלן טוהן מצוות פאר זיין זכות. ער מוז זיי אלזא ריכטיג ערציען, און משפיע זיין אויף זיי צו גיין בדרך התורה והמצוות, און **דער זמן וואס איז אממערסטן מסוגל דערפאר, איז די נאכט פון פסח, ווען מיר זיצן און פראווען דעם סדר.** (הגדה של פסח, ד"ה 'ושאינו יודע לשאול')

ענליך האט געזאגט דער גאון רבי שמעון שוואב זצ"ל, אסאך מאל זאגט דער טאטע אן פאר זיינע קינדער צו טוהן א געוויסע זאך, אבער דער זון שפירט אז דער פאטער רעדט נאר 'מן השפה ולחוץ', ס'איז נישט 'פיו ולבו שווין'. ער האלט נישט באמת ביי דעם וואס ער זאגט איהם. אבער ווען דער טאטע רעדט זייענדיג א 'שכיב מרע' רח"ל - ער האלט שוין נאנט צום שטארבן רח"ל, איז דאך נישט קיין ספק אז ער זאגט 'דברים היוצאים מן הלב', ווייל א מענטש טוט נישט איבערגעבן א שקר פאר זיינע קינדער ווען ער האלט שוין נאנט צום שטארבן. דעריבער טראגן מיר א 'קיטל' פסח ביינאכט ביים סדר, ווייל אין דער נאכט דארף מען איינווארצלען די אמונה אין די קינדער, צו זיין ענליך צו איינעם וואס טראגט תכריכים, ווי איינער זאגט פאר זיינע קינדער: 'הנה אנכי הולך ל...', און **דאס איז מיין צוואה און אמת'ער רצון, אז איר זאלט גלייבן אין אונזער ליבן פאטער אין הימל, מיט'ן גאנצן הארצן.**

**כו.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, האט אמאל פסח ביינאכט, איידער ער האט אנגעטוהן דעם 'קיטל', געזאגט צו די אנוועזענדע חסידים:

**- היינט טוט מען אן דעם 'קיטל', און נאך דעם סדר טוט מען עס צוריק אויס. אבער וויסן זאלט איר, אז עס וועט קומען א טאג ווען מ'טוט אן די ווייסע קליידער, און מ'טוט עס מער נישט אויס!...**

דער הייליגער רבי ר' שמעלקא זי"ע פון ניקלשבורג, האט געזאגט, אויב מ'וואלט צוריקגעבערענגט א 'טויטן' פון עולם העליון אראפ אויף דער וועלט פאר עטליכע שעה, איז דאך נישט קיין ספק אז דער 'טויטער' לעבעדיגער' וואלט געלאפן 'כל עוד נשמתו בו' אין בית המדרש, און ער וואלט אויסגענוצט יעדע סעקונדע פאר תורה און עבודת השם, כדי 'אריינצוכאפן' נאך אביסל אויף דער וועלט. ער וואלט זיך זיכער נישט אוועקגעשטעלט דעמאלס שמועסן מיט זיינע געוועזענע חברים וואס ער האט איבערגעלאזט אויף דער וועלט, 'נייעס' אדער וועגן אנדערע הבלי עולם הזה... דאס זעלבע איז פסח ביינאכט, 'ליל שימורים'. **יעדע רגע האט א גרויסע אומשאצבארע ווערד, און כדי מיר זאלן נישט 'פארפאטשקען' די צייט מיט נארישקייטן, האבן חז"ל געזאגט מ'זאל אנטוהן א קיטל, כדי מ'זאל זיך קענען פארשטעלן גלייך ווי מ'וואלט אונז אראפגעשיקט פון עולם העליון אויף עטליכע געציילטע שעה'ן...**

**כז.** עס שטייט אין ספר "נתיבות שלום" (ח"ב, ע' רפד) אויפ'ן פסוק (תהלים צב, ג) "להגיד בבוקר חסדך ואמונתך בלילות".

דארף מען פארשטיין, קודם רעדט דער פסוק מיט א לשון יחיד ("בוקר"), און ער ענדיגט מיט א לשון רבים: "בלילות" (ער זאגט נישט "ואמונתך בלילה"), ווייל דא איז מרומז צוויי נעכט פון יאר: די נאכט פון סדר, און די נאכט פון שביעי של פסח, וואס דער עיקר גילוי שכינה איז געווען ביינאכט. פסח ביינאכט, "ליל שימורים", האט דער אויבערשטער געזאגט, "ועברתי בארץ מצרים". שביעי של פסח ביינאכט - ווען דער ים סוף איז געשפאלטן געווארן - האט דער אויבערשטער זיך באוויזן צו די אידן.

"סדר" פסח ביינאַכט, און האָבן געשילדערט די ניסים פון יציאת מצרים וואָס גייען אַט אַט פּאַסירן מיט זיי, ווייל זיי האָבן געגלייבט אַז זיי וועלן אַוודאי אַרויסגיין. אַדאַנק די חסדים וואָס זיי האָבן ממשיך געווען, זענען זיי אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים, און אַזוי וועט אויך זיין לעתיד, "בניסן עתידין להיגאל[כח]", עכ"ל.

**מיר** געפינען אין נביא (שופטים ו') ווען דער אויבערשטער האָט געמאַכט אַז די אידן זאָלן ווערן אונטערטעניג אונטער די מדיינים, וועלכע האָבן באַרויבט אַלעס וואָס די אידן האָבן פאַרמאָגט, און די אידן האָבן געשריגן צו דעם אויבערשטען, האָט אַ מלאך זיך באַוויזן צו גדעון, דער זון פון יואש, און גדעון האָט איהם געפרעגט, "פאַרוואָס האָט דאָס אַלעס פּאַסירט מיט אונז, און וואו זענען אַלע וואונדער וואָס אונזערע עלטערן האָבן אונז דערציילט, אַז דער אויבערשטער האָט אונז אַרויסגענומען פון מצרים, און יעצט האָט ער אונז פאַרלאָזט און אונז איבערגעגעבן אין די הענט פון מדין".

**זאָגט** רש"י: "פסח היה" - ס'איז געווען פסח. די אידן האָבן געזאָגט, "אמש הקרני אבא את ההלל" - נעכטן האָט מיין טאַטע געלייענט מיט מיר הלל, און איך האָב געהערט ווי ער זאָגט, בצאת ישראל ממצרים" (תהלים קיד, א). יעצט זענען מיר פאַרלאָזט געוואָרן. אויב אונזערע עלטערן זענען געווען צדיקים, זאָל דער אויבערשטער טוהן פאַר מיט אונז אַ נס אין זייער זכות, און אויב זיי זענען געווען רשעים, איז פונקט אַזוי ווי ער האָט באַוויזן מיט זיי זיינע וואונדער אומזיסט, זאָל ער מיט אונז אויך טוהן אומזיסט. "ואיה כל נפלאותיו" - און וואו זענען אַלע זיינע וואונדער?

**באַלד** דערנאָך, זאָגט דער פסוק (פסוק יד), "ויפן אליו ה' ויאמר, לך בכחך זה והושעת את ישראל". דער אויבערשטער האָט זיך געוואָנדן צו איהם (צו גדעון) און איהם געזאָגט, גיי מיט דיין כח, און דו וועסט העלפן די אידן. זאָגט רש"י: מיט'ן כוח פון דעם דאָזיגן זכות, וואָס דו האָסט מלמד-זכות געווען אויף מיינע קינדער!

**דאַרף** מען פאַרשטיין וואָס גדעון האָט געזאָגט, נעכטן האָט מיין טאַטע געזאָגט מיט מיר הלל, און איך האָב געהערט ווי ער זאָגט 'בצאת ישראל ממצרים'. איז שווער, גדעון איז דאָך געווען אַ שופט ביי אידן, האָט ער דאָך אַוודאי געוואוסט (אויך אָן דעם אַז זיין טאַטע זאָל איהם זאָגן ווענען יציאת מצרים) אַז די אידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים - אַ זאַך וואָס יעדעס אידישע קינד ווייסט?

**ענטפערט** דער שאלות ותשובות "בצל החכמה" (בהקדמה), אין גדעון'ס צייט, זענען די אידן געווען אין אַ שווערן מצב. זיי האָבן געדאַרפט אַנטלויפן פונעם שונא און זיך באַהאַלטן אין היילן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט דאָרט, אַז מ'האָט צוגערויבט פון זיי דאָס גאַנצע פאַרמעגן און אַלע תבואות פון פעלד. אָבער טראָץ די שווערע צייטן, האָט מיין טאַטע נאָך אלס געזאָגט הלל, ווייל ער האָט נישט פאַרלוירן זיין אמונה אַז אַלעס איז לטובה, און עס איז פאַר איהם געווען קלאָר אַז עס וועט נאָך קומען אַ צייט ווען מ'וועט זעהן ווי אַלע שוועריגקייטן און די ליידן וואָס מ'האָט מיטגעמאַכט, זענען געווען פון הימל, כדי שפּעטער צו ברענגען פאַר זיי די ישועה, און ער האָט קיינמאָל נישט פאַרלוירן האָפענונג[כט].

---

וועגן דעם זאָגט דער פסוק "ואמונתך בלילות" - לשון רבים, אַז די דאָזיגע צוויי נעכט זענען אין דער בחינה פון "ראש השנה" פאַר אמונה. דורך דעם וואָס מ'שטאַרקט זיך אין די צוויי נעכט מיט די אמונה, איז מען זוכה צו רעדן וועגן דעם חסד אַ גאַנץ יאָר: "להגיד בבוקר חסדך".

**כח.** הגה"צ רבי שמעון שוואב זצ"ל ברענגט (מעין בית השואבה, פ' בא) בזה הלשון: איך האָב זוכה געווען צו זיין אויף שבת ביי דעם גאון בעל חפץ חיים זצ"ל, ווען ער האָט פרייטאָג צו נאַכטס געזאָגט: **בניסן נגאלו, ובניסן עתידין להיגאל. כאָטש מ'דאַרף דאָך יעדן טאָג האָפן אויף ביאת משיח, אָבער על פי דין דאַרף מען האָפן אויף די ישועה גאַנץ חודש ניסן, אַזוי ווי אַ 'ספק השקול', אויב ער וועט קומען אין דעם חודש אָדער חלילה נישט, אָבער ס'איז אַ שאַד אַז דער יצר הרע מאַכט פון דעם אַ ווייטן ספק**, עכ"ל.

**כט.** פסח ביינאַכט אין יאָר תש"ד, האָט דער בלאָזובער רבי, כ"ק אדמו"ר רבי ישראל שפירא זצ"ל, אָנגעפירט מיט'ן "סדר" אין דעם לאַגער בערגן בעלזן, אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל, אָן "שולחן ערוך", און אָן "הסיבה". ער איז געזעסן אויף דער ערד מיט אַ קליינער צאָל יונגע קינדער, און עטליכע ערוואַקסענע. דער רבי האָט געציילט עטליכע

**דאָס** איז די כוונה פון די ווערטער: "שמעתיו שהיה אומר בצאת ישראל ממצרים" - ער האָט זיך געשטאַרקט מיט'ן סיפור יציאת מצרים, ווייל פון דעם האָט ער געזעהן אַז דער אויבערשטער טוט אַלעס פאַר די טובה פונעם מענטש. דאָס איז די כוונה פון גדעון'ס ווערטער צום מלאך: יעצט, ווען איך בין זוכה דיך צו זעהן, שטאַרקט זיך ביי מיר די האָפענונג אַז אָט אָט וועט קומען די ישועה פון דעם אויבערשטען, אָבער וויסן זאָלסטו, אַז שוין נעכטן האָט מיין טאַטע מיט מיר געזאָגט הלל. דאָס הייסט, ווען עס איז נאָך געווען טונקל ("אמש" - מיט אַלע פירושים...), האָבן מיר געהאַט אַ שטאַרקע אמונה אין דעם אויבערשטען ברוך הוא. ממילא, פרעג איך, וואו זענען אַלע וואונדער פון דעם אויבערשטען, ווייל אין זכות פון די אמונה וואָס מיר האָבן געהאַט, פאַרדינען מיר געהאָלפן צו ווערן. און גדעון האָט טאַקע באַלד דערנאָך זוכה געווען אַז דער אויבערשטער האָט זיך באַוויזן צו איהם, און איהם געזאָגט, "לך בכחך זה והושעת את ישראל", און נאָך אין יענעם טאָג זענען זיי אַרויסגעגאַנגען מאפילה לאורה.

### הלילה הזה - יעדעס יאָר פסח ביינאַכט קומט אויף דער וועלט אַ גרויסע שפע

**מ'קען** זיך גאָרנישט פאָרשטעלן די גרויסע הארה און שפע וואָס ווערט נשפע אויף אונז אין דער נאַכט פון פסח, אַזאש אַז דער אויבערשטער בביכול לאָזט זיך אָפּ פון אַלעם, און ווידמעט אַלעם פאַר די אידן, צו טוהן מיט זיי ניסים בזמן הזה, אַזוי ווי 'בימים ההם', ווי עס שטייט אין מדרש (פנים אחרים, נוסח ב, פ"ו) אַז דער באַשעפער פון די אידן, איז באַשעפטיגט אין דער הייליגער נאַכט צו טוהן מיט זיי ניסים.

**דער** 'תרגום יונתן' שרייבט אויפ'ן פסוק 'ויהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו מראות' (בראשית כו, א), אַז

---

מצות, און אַ קאַרטאָפל וואָס איז געלעגן אין אַ צובראָכענע כלי, וואָס האָט געדאַרפט דינען אַלס "קערה". "זרוע", "ביצה", און "חרוסת", איז אַוודאי נישט געווען בנמצא. "מרור" האָבן זיי געהאַט מער ווי גענוג, אין דעם ביטערן מצב אין וועלכן די אידן האָבן זיך געפונען אין די קאָנצענטראַציע און טויט לאַגערן. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן "שיעור" פון "מרור", ווי דער פסוק זאָגט אין איכה, "השביעני במרורים, הרוני לענה".

דער רבי האָט דערציילט פאַר די יונגע קינדער וועגן די ניסים פון יציאת מצרים, און איין קינד האָט געפרעגט די פיר קשיות, "מה נשתנה". טרערן זענען גערינען פון די אויגן פון די אָנוועזנדע, ווען דאָס יונגל האָט געפרעגט מיט זיין יונג קולכ'ל, די קשיות וואָס אידישע קינדער פרעגן שוין טויזנטער יאָרן פסח ביינאַכט.

ווען דאָס קינד האָט געענדיגט פרעגן די פיר קשיות, האָט דער בלאָזובער רבי איבערגעזאָגט די קשיות, און געגעבן אַן ענטפער נישט ווי געוועינליך. ער האָט געזאָגט: "מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות". דער פינצטערער גלות ווערט אָנגערופן "לילה". פרעגן מיר: "מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות?" - פאַרוואָס איז דער יעצטיגער גלות ערגער פון אַלע גלות'ן וואָס אידן האָבן געליטן? "שבכל הלילות אנו אוכלים חמץ ומצה, הלילה הזה כולו מצה". חמץ ווערט אויפגעבלאָזן, אָבער מצה איז נידעריג, ווייל עס ווערט געוועלגערט. פרעגן מיר: פאַרוואָס אין אַלע גלות'ן האָבן מיר געהאַט צייטן פון עלייה, און צייטן פון ירידה. אָבער אין דעם היינטיגן גלות זענען מיר נאָר בשפל המצב. דאָס אידישע פאָלק איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי דערנידערט און דערשלאָגן ווי יעצט. פרעגן מיר, פאַרוואָס "הלילה הזה" - די היינטיגע נאַכט פון גלות, "כולו מרור", און "כולנו מסובים" - ס'איז נאָר ביטער, און מיר אַלע ליגן ממש אויף דער ערד, אַז מ'קען נישט אויפהייבן דעם קאָפּ.

דערנאָך האָט דער בלאָזובער רבי אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, און פאָרגעזעצט: וויסן זאָלט איר, טייערע קינדער, אַז יעדע נאַכט, איידער עס שיינט אויף דער פרימאָרגן, שטאַרקט זיך אויף דער וועלט די פינצטערניש. וויבאַלד מיר האַלטן שוין גאָר נאָנט צו די גאולה שלימה, וועגן דעם איז אונז נעבעך אַזוי טונקל. דאָס איז מרומז אין דעם תירוץ פונעם בעל ההגדה: "עבדים היינו". דאָס וואָרט "עבדים", איז ראשי תיבות **ד**וד **ב**ן **י**'שי **ע**'בדך **מ**'שיחך. איז דער בעל ההגדה מרמז, אַז דאָס איז די סיבה פון אונזער שווערן און ביטערן גלות. משיח צדקינו שטייט שוין ביי אונזער טיר, גרייט צו קומען בקרוב אונז אויסלייזן פון גלות.

מיט די דאָזיגע ווערטער האָט דער בלאָזובער רבי געשטאַרקט און ערמוטיגט די צובראָכענע אידישע הערצער וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי זיין "סדר", יענע נאַכט פסח, אין ביטערן לאַגער (געברענגט אין קונטרס "לעד בבני ישראל", ביים אָנהייב פון ספר "שופרא דישראל").

יצחק האָט גערופן זיין עלטערן זון עשו אין דעם 14'טן טאָג פון חודש ניסן, און ער האָט איהם געזאָגט, מיין קינד, אין דער דאָזיגער נאַכט טוהען אַלע מלאכים לויבן דעם באַשעפער פון דער וועלט, און עס עפענען זיך די אוצרות פון טל, און אַלע די אוצרות פון הימל עפענען זיך, ע"כ.

אַזוי זאָגט אויך דער פרקי דרבי אליעזור (פל"ב) אַז אין דער סדר-נאַכט ווערן געעפענט אַלע טויערן פון שפע.

אין אַלע דורות, האָבן אידן זוכה געווען צו ניסים ונפלאות אין דער דאָזיגער נאַכט, אָנגעהויבן פון אברהם אבינו ע"ה, וואָס ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט די קעניגן אין דער נאַכט פון פסח און ער האָט זיי באַזיגט, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית יד, טו) 'ויחלק עליהם לילה'. פסח ביינאַכט, האָט דער אויבערשטער זיך באַוויזן צו יעקב אבינו ע"ה אין חלום ווען ער איז געווען אין הויז פון לבן, און אַזוי זענען אַלע סאָלדאַטן פון סנחריב געשטאָרבן פסח ביינאַכט, און נאָך אַסאַך ניסים וואָס האָבן פּאַסירט אין דער נאַכט פון פסח, ווי מיר שילדערן אין דעם פיוט 'ויהי בחצי הלילה'.

לויט דעם, קען מען גוט פאַרשטיין די ווערטער פון הרה"ק בעל 'שפת אמת' זי"ע (תרל"ח, ד"ה 'כל המרבה'), אויפ'ן פסוק (איוב ט, י) 'עושה גדולות עד אין חקר ונפלאות עד אין מספר'. דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס איז די כוונה פון די ווערטער 'אין מספר'. אפילו אויב זיי זענען צענדליגער טויזנטער, האָבן זיי דאָך נאָך אַלץ אַ צאָל.

זאָגט דער 'שפת אמת', אַז וויבאַלד יעדע יאָר פּאַסירן נייע ניסים מיט אידישע קינדער, קומט אויס אַז ס'איז נישט מעגליך זיי זאָלן האָבן אַ צאָל, ווייל זייער צאָל האָט זיך דאָך נאָך נישט געענדיגט.

לויט דעם קען מען זאָגן אַ כוונה אין די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין די הגדה, 'ואילו לא הוציא הקדוש ברוך הוא את אבותינו ממצרים, הרי אנו ובנינו משועבדים'. ער זאָגט נישט 'היינו משועבדים' - לשון עבר, נאָר 'הרי אנו' - לשון הוה, ווייל ער רעדט וועגן די 'מצריים' אין אונזערע היינטיגע צייטן - יעדער דור מיט זיינע 'מצירים'. פסח ביינאַכט, גייען מיר אַרויס פון די דאָזיגע 'מצירים', מיט'ן כח פון יציאת מצרים וואָס האָט דעמאָלס פּאַסירט - אויך היינטיגע צייטן.

דאָס איז דערפאַר, ווייל אין דער נאַכט פון פסח ווערט די גאַנצע בריאה אויפגעהויבן צו זיין העכער פון די הנהגה פון טבע. ממילא, איז יעדער איד בכח צו טוישן זיין מזל צום גוטן.

דאָס איז מרומז אין דעם סימן פון 'יחץ' - לויט דעם מנהג אַז מ'מאַכט די מצות רונדיג, ווייל די וועלט איז דאָך ענליך צו אַ רונדיגן 'באַל', און מיט'ן צעברעכן די מצה, זענען מיר מרמז אַז אין דער היינטיגער נאַכט זענען מיר בכח צו צעברעכן די נאַטורליכע הנהגה וואָס איז מרומז אין אַ רונדיגע זאַך, און אויפצוהייבן זיך העכער פון די טבע[ל].

אַלעם וואָס האָט דעמאָלס פּאַסירט אין מצרים, פּאַסירט אויך היינטיגע צייטן, ווי צדיקים האָבן געזאָגט אויף די ווערטער פון זוהר הקדוש (ח"ב לח.) אַז אין דער נאַכט פון פסח איז געווען לעכטיג אַזוי ווי אינמיטן טאָג ווען עס שיינט די זון. האָבן צדיקים געזאָגט אויף דעם, אַז נישט דווקא יענעם יאָר ווען די אידן זענען אַרויס פון מצרים האָט אַזוי פּאַסירט, נאָר יעדעס יאָר שיינט

---

ל. דער מהרש"א זאָגט (חידושי אגדות יבמות עב., ד"ה 'הא'), אַז חצות הלילה איז אַן עת רצון (אַזוי ווי די גמרא זאָגט דאָרט), און דער ווינט וואָס בלאָזט דעמאָלס, איז גוט פאַר מענטשן וואָס האָבן באַקומען אַ וואונד ח"ו. פונדעסטוועגן, האָט דער אויבערשטער אויסגע'הרג'עט די בכורים פון מצרים דווקא אינמיטן נאַכט: 'וה' הכה כל בכור בארץ מצרים', און עס האָט נישט געהאָלפן פאַר די מצרי'שע בכורים דער ווינט וואָס בלאָזט אין יענע צייט, זיי צו היילן פון די מכה וואָס זיי האָבן געכאַפּט, ווייל דער אויבערשטער איז אימשטאַנד צו טוישן די טבע ווען ער וויל. ממילא איז **דאָך אַ קל וחומר, 'בן בנו של קל וחומר', ווי ווייט די נאַכט פון פסח איז אַן 'עת רצון' פאַר אידישע קינדער, און ווי דער אויבערשטער טוט איבערבייטן פאַר די אידן די גאַנצע נאַטור.**

אין דער נאַכט פון פסח אַ גרויסער אור, ממש אַזוי ווי די זון אינמיטן טאָג[לא].

**דער** 'אור החיים' הקדוש זאָגט אויפ'ן פסוק (במדבר כג, כב) 'א-ל מוציאם ממצרים'. דער פסוק זאָגט אַ 'לשון הוה', 'מוציאם' - ער 'נעמט' זיי אַרויס (נישט 'הוציאם' - 'ער האָט זיי אַרויסגענומען'), ווייל חז"ל זאָגן (פסחים קטז:) 'בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים'. אין יעדן דור, איז יעדער איד מחויב זיך אַליין צו זעהן גלייך ווי ער איז אַליין אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. אויף דעם זאָגן די ספרים ע"פ 'פנימיות התורה', אַז יעדעס יאָר פסח ביינאַכט, ווערן נתברר די כוחות הקדושה פון די קליפה, און זיי פאַרמערן זיך ביים אידישן פאָלק.

**דאָס** איז די בחינה פון 'יציאת מצרים', און אויף דעם זאָגט דער פסוק בלשון הוה: 'א-ל מוציאם ממצרים', ווייל דער אויבערשטער האָט זיי נישט אַרויסגענומען פון מצרים בלויז איין מאָל, נאָר ער נעמט זיי אַרויס יעדעס יאָר, פסח ביינאַכט פון מצרים, עכל"ק.

**קומט** אויס, אַז אפילו אויב אַ איד איז חלילה אויפ'ן נידעריגסטן שטאַפּל - אַזוי ווי די אידן אין מצרים, וואו זיי זענען ליידער געווען פאַרזינקען אין די 'מ"ט שערי טומאה' רח"ל, איז ער בכח אַרויסצוגיין פון זיין מצב, פונקט אַזוי ווי די אידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. פסח ביינאַכט, קען ער זיך אויפהייבן צו די העכסטע מדריגות.

**אַזוי** זאָגט דער 'בית אהרן' (פסח, פב: ד"ה 'ליל שימורים') אויפ'ן פסוק 'ליל שימורים הוא לה' להוציאם מארץ מצרים' (שמות יב, מב). דער פסוק שרייבט אַ לשון עתיד ('להוציאם'), ווייל דער אויבערשטער האָט צוגעגרייט אַרויסצונעמען די אידן פון טומאת מצרים יעדעס יאָר ווען עס קומט אָן די נאַכט פון פסח. 'הוא הלילה הזה לה' שימורים לכל בני ישראל לדורותם' - אין אַלע דורות, נעמט דער אויבערשטער אַרויס די אידן פון טומאת מצרים, אין דער נאַכט פון יום טוב פסח.

**דער** מהר"ל מפראג ז"ל שרייבט (אין די הקדמה צו זיין ספר גבורות ה'), אַז פונקט אַזוי ווי עס איז דאָ אַ 'סדר' פאַר די טבע, אַזוי איז דאָ אַ 'סדר' פאַר די ניסים[לב].

**זאָגט** אויף דעם דער 'חידושי הרי"ם', אַז צוליב דעם טעם ווערט עס גערופן די 'סדר נאַכט'. לכאורה

---

**לא.** 'והגדת לבנך ביום ההוא לאמור, בעבור זה עשה ה' לי בצאתי ממצרים' (שמות יג, ח). איז שווער, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק '**ביום ההוא**'? מ'פסק'ענט דאָך אַז די צייט צו דערציילן סיפור יציאת מצרים איז ביינאַכט, 'בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך', און נישט בייטאָג.

ענטפערט דער 'אור החיים' הקדוש, אַז דער פסוק זאָגט 'ביום ההוא', כדי אונז צו לאָזן וויסן, אַז **פסח ביינאַכט, ווערט אָנגערופן 'טאָג' - נישט נאַכט.** און אויף דעם זאָגט דער פסוק (תהלים קלט, יב) 'ולילה כיום יאיר' - די נאַכט וועט שיינען אַזוי ווי דער טאָג.

דער 'אור החיים' הקדוש פירט אויס, אַז ס'איז מעגליך אַז צוליב דעם שטייט 'והגדת' נעבן 'ביום ההוא', ווייל אויך דער דאָזיגער נס איז אין כלל פון די הגדה, אַז די נאַכט האָט געשיינט אַזוי ווי בייטאָג. מיר לערנען דאָ, אַז ס'איז אַ מצוה צו דערציילן פאַר אונזערע קינדער, אַז אין דער נאַכט פון פסח האָט געשיינט אַזוי ווי ביי טאָג, 'ולכל בני ישראל היה אור במושבותם' - ס'איז געווען לעכטיג אין אַלע אידישע היימען.

בדרך דרש האָט דער ווילנער גאון זצ"ל געזאָגט אויף די ווערטער וואָס די קינדער פרעגן פסח ביינאַכט, 'מה נשתנה **הלילה הזה** מכל הלילות'. 'לילה' איז דאָך לשון נקיבה, און 'הזה' איז לשון זכר. אויך פרעגט ער, די מערסטע מצוות פון דער תורה איז מען נישט מקיים ביינאַכט, נאָר בייטאָג. פסח גייען אָבער אָן די מערסטע מצוות ביינאַכט [מ'עסט מצה און מרור, מ'טרינקט די פיר כוסות, און מ'זאָגט די הגדה מיט סיפור יציאת מצרים, ביים סדר פסח ביינאַכט]. דאָס איז דערפאַר, ווייל **די נאַכט פון פסח ווערט אָנגערופן טאָג, 'הזה', בלשון זכר, ווייל עס שיינט אַזוי ווי דער טאָג. ממילא, ווערט עס נישט אָהנגערופן 'נאַכט'.**

אַזוי שרייבט דער 'אור החיים' הקדוש (שמות יב, ל) אויפ'ן פסוק 'ויקם פרעה לילה', אַז נאָר ביי 'פרעה' און די אַנדערע גוים, די רשעים, איז פסח ביינאַכט ראוי אָנגערופן צו ווערן 'לילה' - נאַכט. **ביי אידישע קינדער, שיינט אָבער די דאָזיגע נאַכט מיט אַ גרויסע לעכטיגקייט, אַזוי ווי די זון וואָס שיינט אינמיטן טאָג.**

**לב.** די דאָזיגע הייליגע ווערטער פונעם מהר"ל, פלעגט הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע איבער'חזר'ן אַסאַך מאָל (זעה 'אמרי הרי"מ', פסח).

דאַרף מען פאַרשטיין, אַ 'נס' איז דאָך חוץ מדרך הטבע. ס'איז נישט אינעם סדר פון די בריאה. אויב אַזוי, ווי אַזוי איז שייך אַ 'סדר' פאַר דעם נס?

**זאָגט** דער 'חידושי הרי"ם', אַז די עצם בריאת העולם מיט'ן סדר פון טבע, איז דאָך איינע פון די טובות פונעם אויבערשטען פאַר זיינע באַשעפענישן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קמח, ו) 'ויעמידם לעד לעולם, חק נתן ולא יעבור'. ווייל נאָר אויף דעם אופן, ווייסן די מענטשן ווען מ'דאַרף איינזייען די תבואה, און ווען ס'איז די צייט פונעם שניט. אַזוי איז באַשטימט געוואָרן דער טאָג צו אַרבעטן, און די נאַכט צו נעכטיגן. אָבער אָן די הנהגה פון טבע, וואָלטן מיר זיך נישט געקענט אַן עצה געבן, ווייל מ'וועט דאָך נישט ווייסן ווען צו אַרבעטן. אַמאָל קען מען געניסן פונעם שיין פון די זון, און אַמאָל דאַרף מען זיך צופרידנשטעלן מיט'ן שיין פון די לבנה, און אַזוי ביי אַלע ענינים, דאַרפן די באַשעפענישן האָבן אַ 'סדר' אויף דער וועלט. ווען דעם האָט דער אויבערשטער באַשטימט גרעניצן אויף דער וועלט.

די גאַנצע הנהגה איז אָבער נאָר געווען ביז צו דער 'סדר' נאַכט, אָבער פון דער סדר נאַכט און ווייטער איז באַנייט געוואָרן די הנהגה פון די בריאה, אַז אַ איד וואָס פירט זיך למעלה מדרך הטבע, פירט זיך אויך דער אויבערשטער מיט איהם העכער פון די טבע, און ער האָט נישט קיין אָפּהאַלט פון ישועות, ער קען געהאָלפן ווערן בדבר ישועה ורחמים, אין אַלעם וואָס ער דאַרף האָבן[לג].

### בני חורין - כסדר געדענקען אַז אין די נאַכט דאַרף מען זיין בשמחה

**עס** שטייט אין ספה"ק 'סדר היום', אַז ס'איז ראוי פאַר יעדן מענטש מענג צו זיין זיין נפש און זיין גוף אין דער נאַכט פון פסח, און אַרויסווייזן פרייהייט. ער זאָל

---

**לג.** די ספרים ברענגען אַ רמז, **ז**'כר **ל**'יציאת **מ**'צרים איז ראשי תיבות מז"ל, אַ רמז **אַז דער ענין פון סיפור יציאת מצרים האָט אַ גרויסן כח קעגן דעם "מזל"**.

דער "פרישה" שרייבט (ריש סי' תעג, בשם רב עמרם גאון) אַ טעם פאַרוואָס מען מאַכט נישט פסח ביינאַכט די ברכה "שעשה נסים", ווייל "יום ישועה הוא, ועדיף מנס", **עס איז אַ טאָג פון ישועות, וואָס איז נאָך שטאַרקער ווי נסים.**

שבת הגדול שנת תקצ"ח, און שפעטער אין שנת תר"ב לפ"ק, האָט הגה"צ רבי אלי' גוטמאַכער זצ"ל, וועלכער איז באַקאַנט אַלס "דער גריידיצער צדיק", געדרש'ענט פאַר'ן ציבור וועגן דער גרויסער קדושה פון דער סדר נאַכט, און מוצאי שבת האָט ער עס פאַרשריבן אויף פאַפיר, און באַפוילן אויסצוטיילן עס צווישן דעם קהל.

דער גריידיצער צדיק פרעגט אויף דעם וואָס די גמרא זאָגט אַז מרדכי האָט געפאַסט דעם 14'טן, 15'טן און 16'טן טאָג פון חודש ניסן. איז שווער, די גזירה איז דאָך געווען ערשט אויף עלף חדשים שפעטער, 13 טעג אין חודש אדר. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט מרדכי שוין יעצט גוזר תענית געווען בטל צו מאַכן די מצוות הלילה, צושטערענדיג דעם יום טוב ביי אידן, אַ זאַך וואָס איז נישט געווען לצורך השעה? ער האָט דאָך געקענט אויסרופן אַ תענית אויף נאָך פסח?

אויך איז שווער, דער גזר דין פונעם מענטש ווערט באַשטימט אין הימל ראש השנה און יום כיפור, איז דאָך דעמאָלס דער זמן וואָס איז מסוגל מתפלל צו זיין צום אויבערשטען, אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט מרדכי באַשטימט דעם תענית אויף דעם יום טוב פסח?

האָט דער גריידיצער געענטפערט, עס איז אַ משל צו אַ מענטש וואָס איז פאַרשפאַרט אין אַ געביידע וואָס איז אַרומגענומען מיט אַ הויכע פעסטע מויער, וואָס מ'קען נישט אַריבערקריכן און אַרויסגיין פון דאָרט. עס איז נישטאָ קיין וועג אַרויס פון דאָרט, נאָר אויב עס איז דאָ אַ לאָך אין דעם מויער, און דער געפאַנגענער ווערט מיט אַ האַק אַרומהאַקן דעם לאָך עס אויסצוברייטערן, און צוברעכן די מויער.

דער נמשל איז: מרדכי הצדיק האָט געוואוסט אַז די גזירה איז פאַרזיגעלט געוואָרן מיט'ן זיגל פון מלך מלכי המלכים הקב"ה כביכול, נישט אַז דער מלך טיפש אחשוורוש האָט גוזר געווען להשמיד ולהרוג ולאבד ח"ו, נאָר די גזירה קומט פונעם באַשעפער, און מיר ווייסן דאָך אַז אין חכמה ואין עצה ואין תבונה לנגד ה'. קיין תפלות ותחנונים וועלן נישט פועל'ן בטל צו מאַכן די גזירה.

מרדכי האָט אָבער געטראָפן אַ "לעכל" אין דעם מויער פון די גזירה, די איינציגע צייט ווען מ'קען אויפברעכן אַלע טויערן איז די נאַכט פון פסח, ווען אידן רעכטן אָפּ דעם סדר, און וואָס איז משנים קדמוניות באַשטימט

דערוויטערן פון זיך יעדע דאגה[לד] און צער[לה] וואָס ער האָט פון ערגעץ אַנדערש[לו], און ס'איז איבעריג צו זאָגן

---

געוואָרן אַלס אַ זמן פון ישועות פאַר אידישע קינדער. אברהם אבינו ע"ה האָט שוין מלחמה געהאַלטן מיט די פיר קעניגן אין דער פופצענטער נאַכט פון חודש ניסן, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית יד, טו) "ויחלק עליהם לילה", זאָגט רש"י: ומדרש אגדה, שנחלק הלילה, ובחציו הראשון נעשה לו נס וחציו השני נשמר ובא לו לחצות לילה של מצרים. זינט יענע צייט, איז די נאַכט באַשטימט אַלס אַ "ליל שימורים לדורותם". וועגן דעם האָט מרדכי גוזר תענית געווען דווקא אויף די סדר נאַכט פון פסח, **ווייל די דאָזיגע צייט איז מסוגל צו שפּאַלטן די אייזערנע מויער, און ברייטער מאַכן דעם "לאָך" אין דעם מויער פון מדת הדין ח"ו, און אַפילו אַ גזר דין אויף וועלכן ס'איז געווען אַ שבועה ח"ו אין הימל, קען אויך בטל ווערן מיט'ן כח הקדושה פון סדר ליל פסח.**

מיט דעם האָט דער גריידיצער צדיק אויך געטייטשט דעם פסוק (ישעי' מ"ט, ח') "כה אמר ה', בעת רצון עניתיך וביום ישועה עזרתיך". דער עת רצון איז אין יום כיפור, וואָס דעמאָלס "עניתיך", פון לשון עינוים, וואָס איך האָב גוזר געווען מען זאָל זיך פייניגן מיט די פינף עינוים, "וביום ישועה", דאָס מיינט מען די סדר נאַכט פון פסח, דעמאָלס "עזרתיך", דער אויבערשטער העלפט אין דער סדר נאַכט מכל צרה וצוקה.

ער ברענגט אַ משל דערויף: אַ מענטש בעט ביי זיין חבר אַ הלוואה, אָבער דער חבר האָט נישט געהאַט קיין געלט אויף זיך. איז דער חבר געגאַנגען צו אַ דריטן מענטש, און ביי איהם געבעטן ער זאָל באָרגן געלט פאַר זיין חבר, און ער וועט זיין א ערב פאַר איהם. דאָס זעלבע **אַז אַ איד נויטיגט זיך אין אַ ישועה און ער בעט אויף דעם פסח ביינאַכט, איז אפי' אויב עס איז שווער איהם צו העלפן, וועט מען פאַר איהם ממציא זיין פון הימל אַ גרויסע ישועה פון אַן אַנדער אָרט, ווייל די נאַכט פון פסח איז בכח איהם צו העלפן פון זיין צרה.** עס איז ווי אַ קוואַל וואָס מען האָט שוין דאָרט אַמאָל געגראָבן און עס איז אַרויסגעקומען וואַסער, קען מען יעצט לייכט גראָבן און געפינען אַ קוואַל מיט פרישע וואַסער. דאָס זעלבע אין דער נאַכט וואָס עס זענען געשעהן ניסים מיט אונזערע עלטערן, איז קרובה ישועה לבא.

און דער גריידיצער צדיק האָט אויסגעפירט: **אויב אַ מענטש איז חלילה געבוירן געוואָרן מיט אַ שלעכטן מזל רח"ל, צו עס איז בנוגע בני, בנוגע חיי, אדער בנוגע מזוני, קען מען ענדערן דאָס מזל צום גוטן אין דער הייליגער סדר נאַכט. לד. דאָס איז אַן 'עיקר העיקרים', אין דער סדר-נאַכט פון פסח, זיך צו פרייען מיט די חסדים פון דעם אויבערשטען**

**וואָס ער האָט אונז אַרויסגענומען פון מצרים**, ווי ס'איז דער לשון אין זוהר הקדוש (ח"ב מ:, דאָס איז דאָס שטיקל זוהר, וואָס מ'פירט זיך עס צו זאָגן ביים אָנהייב פון די הגדה), אַז יעדער מענטש וואָס רעדט וועגן יציאת מצרים, און ער דערציילט דעם **סיפור מיט אַ פרייליך געמיט**, איז ער מוכנזיך צו פרייען מיט די שכינה אויף יענער וועלט, וואָס דאָרט איז די גרעסטע שמחה פון אַלע שמחות, ווייל דער מענטש האָט זיך געפרייט מיט זיין האַר, עכל"ק.

מען זעהט עס קלאָר יעדעס יאָר, ווי דער שטן לייגט אונטער פאַרשידענע שטערונגען און שטרויכלונגען, אָן קיין שיעור... אַלעס כדי מ'זאָל נישט מקיים זיין די מצוה פון שמחת יום טוב, און כדי צוצוברענגען דעם מענטש צו צער און עגמת נפש ח"ו. אָבער דער קלוגער מענטש, האָט די שכל צו שטיין אויף דער וואַך, צו וויסן אַז דאָס איז נישט אַנדערש ווי די עצה פונעם יצר הרע, און צו אַנטלויפן פון כעס אויף זיך אָדער אויף אַנדערע, ווי איינער וואָס אַנטלויפט פון פייער...

אַ וואונדערליכע מעשה האָט פּאַסירט ביי דעם גאון רבי יצחק הוטנער זצ"ל, וועלכער איז פון זיין נאַטור געווען אַ מסודר'דיגע מענטש, און אויך גאָר ריין אויף אַ וואונדערליכן אופן. איין יאָר פסח ביינאַכט ביים סדר, האָט איינער פון די אָנוועזנדע גערוקט דעם טיש, און עס האָט זיך אויסגעגאָסן אַ 'כוס יין מלא כברכת ה'', אויף דעם הערליכן ווייסן קיטל פון הרב הוטנער. האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ וואונדערליכע שלוות הנפש, **אַ קיטל אָן ווין, איז אַזוי ווי אַ יום-כיפור'דיגער מחזור אָן צייכנס פון טרערן...**

אין צוגאָב צו דעם וואָס מ'קען פון דאָ לערנען וועגן די וויכטיגקייט פון אָפּהיטן דעם כבוד הבריות, אַז יענער זאָל נישט פאַרשעמט ווערן, קענען מיר פון דאָ אויך לערנען ווי אַזוי אָנצונעמען יעדע 'שטרויכלונג' מיט אַ רואיגן און געלאַסענעם געמיט...

דער גאון רבי משולם איגרא זצ"ל, האָט מחמיר געווען נישט צו עסן מצות, נאָר אין דער ערשטער נאַכט יום טוב ביים סדר, די 'כזיתים', וואָס מ'איז מחויב מן התורה צו עסן (עס זענען דאָ 'יחידים' וואָס זענען מקפיד נישט צו עסן מצות,

נאָר אין דער ערשטער נאַכט, צוליב דעם חשש פון חימוץ ביי די מצות, ווייל אויב מ'גיט נישט געהעריג אַכטונג דערויף ביים באַקן, קען עס חלילה קומען צו חימוץ). ער האָט זייער שטאַרק אכטונג געגעבן אויף די מצות וואָס ער האָט געגעסן ביים סדר. בשעת'ן באַקן, איז ער אַליין געשטאַנען און געהאַט די השגחה אויפ'ן באַקן. שוין פונעם שניידן דאָס ווייץ ביז'ן באַקן, האָט ער זייער שטאַרק נאָכגעקוקט אַז אַלעס זאָל זיין בתכלית השלימות, בכל פרטיה ודקדוקיה.

איין יאָר ערב פסח נאָך חצות, זענען זיינע קינדער געווען הונגעריג צו עסן, און די משרתת האָט נישט געטראָפן אין שטוב אַ מאכל מיט וואָס צו זעטיגן דעם הונגער פון די קינדער (ווייל מ'האָט שוין געהאַט פאַרברענט דעם חמץ). האָט זי גענומען די מצות און עס אַוועקגעגעבן פאַר די קינדער צו עסן...

ווען די רעביצין פון רבי משולם איגרא האָט עס באַמערקט, איז זי געוואָרן זייער דערשראָקן, ווייל זי האָט דאָך זייער גוט געוואוסט וויפיל יגיעות איר הייליגער מאַן לייגט אַריין צו באַקן די מצות כהלכתן, און פון וואו וועט מען יעצט נעמען אַזעלכע מהודר'דיגע מצות. צוליב איר פחד פאַר איר מאַנ'ס קפידא, האָט זי באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון הויז און צוריקקומען אַהיים ערשט נאָך דעם ווי רבי משולם וועט אַהיימקומען פון שול יום טוב ביינאַכט.

למעשה, ווען זי איז אַהיימגעקומען האָט איר מאַן איר אויפגענומען מיט אַ פרייליך פנים, האָט די רעביצין געזאָגט, ווי עס וויזט אויס, ווייסט ער נאָך נישט פון דעם 'אומגליק' וואָס עס האָט דאָ פאַסירט מיט די מצות, אַז די קינדער האָבן עס אויפגעגעסן... ווען דער גאון האָט עס געהערט, האָט ער רעאַגירט רואיג, זאָגנדיג: 'וואָס איז דאָ צו וויינען, צי דען איז נישט דא אין הויז אַנדערע מצות?'.

די מעשה נורא פלעגט הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע, דערציילן מיט התפעלות, און ער פלעגט צוגעבן, אַז דער הויפט-חידוש אין די מעשה איז די פשטות מיט וועלכער רבי משולם האָט געענטפערט, ווייל מיט זיין גרויסע אמונה אין באַשעפער בתכלית השלימות, איז איהם אינגאַנצן נישט איינגעפאַלן צו ווערן אין כעס און האָבן תרעומות, נישט אויף די קינדער, און נישט אויף די משרתת, און אפילו נישט אויף די רעביצין, וואָס האָט מעגליך נישט באַהאַלטן די מצות מיט אַ געהעריגע שמירה, ווייל **דער מענטש דאַרף דאָך טוהן דעם רצון פון באַשעפער, און אויב עס האָט אַזוי פאַסירט אַז מ'האָט געגעבן צו עסן פאַר די קינדער די מצות, האָט דאָך אַוודאי געמוזט זיין אַזוי, ווייל אַזוי איז געווען דער רצון פונעם באַשעפער**, אַז האַיאָר זאָל ער - רבי משולם איגרא - מקיים זיין די מצוה פון אכילת מצה מיט אַנדערע מצות, און צוליב דעם האָט ער אינגאַנצן נישט געהאַט קיין קפידא. ער האָט נישט געזעהן קיין שום סיבה פאַרוואָס צו ווערן אין כעס...

**לה.** אויך אויב עס דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז די 'שערי אורה' זענען פאַרמאַכט פאַר איהם, און ער איז אַזוי ווי אַ טרוקן שטיקל האָלץ אָן קיין שום התעוררות, זאָל ער נישט פאַלן ביי זיך, נאָר ער זאָל וויסן אַז ס'איז נישט דאָ ביי דעם אויבערשטען אַ באַליבטע זאַך אַזוי ווי אַ 'לב נשבר' - אַ צובראָכן האַרץ.

הרה"ק רבי שמואל קאַרובער זי"ע, איינע פון די חשוב'ע תלמידים פון הייליגן 'חוזה' פון לובלין זי"ע, איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן ל"ע. ער האָט אָבער גענומען אויף זיך קיינמאָל נישט צו בעטן הילף פון אַ צווייטן, נאָר אויב עמיצער וועט קומען און איהם אַליין געבן געלט, וועט ער נעמען. איין יאָר פאַר פסח, איז נישט געווען אַ פרוטה צו קויפן אַפילו אַ כזית מצה און די ד' כוסות, אָבער רבי שמואל האָט נאָך אַלץ נישט געוואָלט אויפגעבן זיין קבלה, און ער איז נישט געגאַנגען בעטן אַ מתנה פון אַ מענטש. אַזוי האָבן די טעג פונעם יום טוב זיך דערנענטערט, און דאָס הויז איז ליידיג.

ערב פסח, איז דער עושר רבי שלמה קאנסקיוואלי ז"ל אַריינגעגאַנגען צום הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע צו באַקומען אַ ברכה. האָט דער רבי פון לובלין איהם באַפוילן צו שיקן תיכף אַלע צרכי החג צו דעם חסיד רבי שמואל. האָט רבי שלמה אָנגעפילט אַ וואָגן מיט מצות און ווייַן, און אַלע צרכי החג, און עס אַריבערגעשיקט צום הויז פון רבי שמואל קאַרובער. דער פולער וואָגן איז אָנגעקומען אין הויז פון רבי שמואל ממש געציילטע שעה'ן פאַר דער יום טוב איז אַריינגעקומען. איז רבי שמואל געוואָרן גאָר פרייליך אַז ער וועט קענען מקיים זיין די מצוות פונעם יום טוב כראוי וכנכון, און ספּעציעל האָט ער זיך גאָר שטאַרק געפרייט אויף דעם וואָס ער האָט נישט געדאַרפט אויפגעבן זיין גוטע קבלה, און ער האָט נישט געבעטן אַ נדבה ביי קיינעם.

יום טוב ביינאַכט נאָכ'ן דאַווענען, איז רבי שמואל אַהיימגעקומען פרייליך און גוטמוטיג, און האָט אַזוי געפּראַוועט דעם 'סדר' מיט גרויסע געהויבענע מוחין, און ער האָט געשפּירט ביי זיך אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט זוכה געווען אָפּצורעכטן אַזאַ סדר...

אַז מ'טאָר נישט אויפוועקן פונדאָסניי קיין שום קריגעריי און מחלוקת[לז], נאָר אַלעם זאָל צוגיין מיט שלום און

---

די צווייטע נאַכט פסח, איז רבי שמואל איינגעשלאָפן אין אַ טיפן שלאָף, און האָט זיך ערוועקט נאָנט צו חצות הלילה, האַלטנדיג נאָך פאַר'ן דאַווענען מעריב. ער איז געווען געצוואונגען צו דאַווענען מעריב שנעל, און צו זאָגן די הגדה און מקיים זיין די מצוות פון דער סדר-נאַכט, כדי צו באַווייזן צו עסן דעם אפיקומן פאַר חצות (ווי זיין מנהיג מקפיד צו זיין אויך אין דער צווייטער נאַכט יום טוב, צו עסן דעם אפיקומן פאַר חצות). ער איז אָבער געווען זייער צובראָכן ביי זיך, אַז ער האָט געמוזט אָפּרעכטן אַזוי שנעל דעם סדר.

נאָך פסח, ווען רבי שמואל איז געווען ביים רבי'ן אין לובלין, און גענומען שלום פונעם רבי'ן, האָט דער לובלינער זיך אָנגערופן:

- לאָמיר נאָר זעהן, ווי אַזוי עס האָבן אויסגעזעהן האַיאָר די סדרים ביי רבי שמואל. דער ערשטער סדר איז געווען מיט הויכע 'מוחין'. ער האָט ממש געשוועבט אין די עולמות העליונים, אָבער דאָס איז דאָך נישט דער תכלית. דער צווייטער סדר וואָס ער האָט אָפּגעראָכטן, אָבער, איז נישט דאָ אויף דער וועלט עמיצער וואָס זאָל קענען אָפּרעכטן אַזאַ געהויבענעם הייליגן סדר...

יאַ, דער 'סדר' וואָס רבי שמואל האָט אָפּגעראָכטן מיט אַ צובראָכן האַרץ (די צווייטע נאַכט), איז אָנגענומען געוואָרן אין הימל לרחמים ולרצון, נאָך מער ווי דער סדר וועלכן ער האָט אָפּגערעכטן מיט אַ געהויבנקייט, די ערשטע נאַכט יום טוב.

אויפ'ן פסוק 'ומשה לא ידע כי קרן עור פניו בדברו אתו' (שמות לד, כט), זאָגט רש"י, פון וואו האָט משה זוכה געווען צו די 'קרני הוד'? זאָגן אונזערע חכמים, פון די מערה וואו דער אויבערשטער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט כביכול אויפ'ן פנים פון משה רבינו ע"ה, ווי דער פסוק זאָגט (שמות לג, כב) 'ושכותי כפי'. משה רבינו ע"ה האָט דאָך זוכה געווען צו זעהן זאַכן וואָס מ'קען נישט אַרויסזאָגן מיט'ן מויל און דאָס האַרץ קען עס נישט פאַרשטיין, ווי דער פסוק זאָגט דאָרט, 'וראית את אחורי'. אויך זאָגן מיר, 'קשר תפילין הראה לעניו', אָבער פון די אַלע מדריגות, האָט ער נאָך נישט זוכה געווען צו די 'קרני הוד', נאָר זיין פנים האָט געשיינט דווקא פון דער צייט ווען דער אויבערשטער כביכול האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף משה'ס פנים אַז ער זאָל **נישט** קענען זעהן (די שכינה), ווייל **דער הויפּט-עליה האָט דער מענטש דווקא אין די צייטן פון הסתר און חשכות, און נישט פון גילויים און הארות.**

**לז.** אַזוי זאָגן די ספרים אויפ'ן פסוק (שמות יג, ז) 'ולא יראה לך חמץ, ולא יראה לך שאור'. **עס זאָל נישט געזעהן ווערן אויף פנים פון אַ איד 'זויערקייט'... נאָר ער זאָל אייביג זיין פול מיט שמחת החיים, אין יעדן מצב, און אין יעדער צייט.**

מיר האָבן געהערט אַ רמז, 'שמייכל' איז ראשי תיבות, **ל**'א **י**'ראה **י**'מצא **ל**'ך **מ**'שהו **ש**'אור **כ**'לל...

דאָס איז אָבער נאָר ווען ס'איז נוגע צו זיך אַליין, אָבער פאַר אַן אַנדערן דאַרף מען יאָ זאָרגן, ווי ס'איז מרומז אין די ווערטער פון די גמרא (פסחים ה:) 'שלך אי אתה רואה, אבל אתה רואה של אחרים'. **ווען אַנדערע מענטשן זענען אין אַ צרה ח"ו וואָס איז גורם פאַר זיי צו זיין 'פאַרזויערט', 'אתה רואה' - זאָלסטו איהם יאָ זעהן, און דו זאָלסט זיך משתדל זיין איהם פריליך צו מאַכן, און אָפּטוהן פון איהם יעדן צער און ווייטאָג.**

**לז.** אַזוי שרייבט דער חיד"א ז"ל (מורה באצבע, סימן ז) אַז די נאַכט פון פסח שיינט אַזוי ווי די זון מיט הימלישע אורות, און דעריבער זוכט דער יצר הרע זיך אַריינצוכאַפּן אין איינע פון די בני הבית אָדער אין די משרתת (דורך מחלוקת און כעס), און דער קלוגער מענטש וואָס האָט שכל, ווייסט אַכטונג צו געבן אַז די טיר פון די גוטע השפעות זאָל זיך נישט פאַרמאַכן און ער וועט חלילה אַלעס פאַרלירן, נאָר ער איז מקיים 'מוציא מצה', ער לאָזט נישט אַריין קיין שום קריגעריי ('מצה' איז אויך טייטש אַ קריגעריי), און ער נעמט אַריין ליבשאַפט, 'ואשריו' - און וואויל איז איהם, עכ"ל.

דער טאַלנער רבי, הרה"ק רבי יוחנן זצ"ל, פלעגט פראַוווען דעם סדר מיט גרויס התלהבות, און מ'האָט געזעהן די יראה עיליו (ער האָט געהאַט אַ קאַפּל וואָס ער האָט באַקומען בירושה דור נאָך דור, פון זיין זיין דעם הייליגן רבי'ן ר' זושא זי"ע, וואָס ער פלעגט אָנטוהן נאָר איינמאָל אַ יאָר, פסח ביינאַכט, בדחילו ורחימו). איין יאָר אינמיטן דעם סדר, איז אַ קינד אַריינגעקומען מיט אַ פלעשל ביער אין האַנט, אַלע אנוועזענדע זענען געוואָרן 'אויסער זיך' פון צער, היתכן, עס האָט פּאַסירט אַזאַ מכשול, אַז מ'האָט געפונען 'חמץ גמור' אין דער סדר-נאַכט.

געלאַסנקייט[לח], און מ'זאָל נישט געבן קיין שום 'פתחון פה' פאַר אַ 'בעל דין' זיך צו קריגן[לט], עכ"ל[מ].

---

ווען דער טאָלנער רבי האָט געזעהן וואָס עס האָט פּאַסירט, איז ער צוגעגאַנגען רואיגערהייט צו דעם קינד, און איהם געזאָגט ער זאָל אַראָפּלייגן דאָס פלעשל אויף דער ערד. ער האָט גענומען אַ טאָפּ און צוגעדעקט דערמיט דעם חמץ. דאַן האָט ער אַראָפּגעלייגט אַ ווייסן טישטוך אויפ'ן עמער לכבוד יום טוב, און געזאָגט צום קינד:

- **איך דאַנק דיר פאַר דעם וואָס דו האָסט מיך מזכה געווען צו קענען מקיים זיין די ווערטער פון די חז"ל** (פסחים ו.) **'כופה עליו את הכלי'** (מען בייגט איבער א כלי אויפ'ן חמץ וואָס מען געפינט אין יום טוב). **די הלכה איז דאָך נישט געזאָגט געוואָרן פאַר גוים, נאָר פאַר אידן... און געלויבט איז דער אויבערשטער, אַז איך האָב זוכה געווען צו הערן די רייד פון די חכמים...**

פון די מעשה, קענען מיר לערנען אַ מורא'דיגן לימוד, אַז נישט נאָר וואָס דער טאָלנער רבי האָט זיך נישט פאַרלוירן צו באַשולדיגן דעם און יענעם אין דעם 'מכשול' וואָס ס'איז איבערגעבליבן אין הויז ביער, וואָס איז חמץ, נאָר **ער האָט נאָך אַפילו געדאַנקט דאָס קליינע קינד וואָס האָט איהם מזכה געווען צו קענען מקיים זיין דעם דין פון 'כופה עליו את הכלי'.**

**לח.** הרה"ק בעל 'בית אהרן' זי"ע פון קאַרלין האָט דערציילט, אַז זיין טאַטע, הרה"ק רבי אשר סטאָלינער זי"ע, האָט געהאַט אַ געהויבענעם חסיד מיט'ן נאָמען רבי בערצי זצ"ל. דער דאָזיגער רבי בערצי, פלעגט זייער שטאַרק מחמיר זיין אין פסח מיט פאַרשידענע חומרות, ספּעציעל ביים באַקן די מצות. ער פלעגט אַליין אָפּהיטן די ווייץ פון דער צייט ווען מ'האָט עס געשניטן. אויך פלעגט ער אַכטונג געבן ביים מאַכן דעם וויין, אַז די טרויבן זאָלן ווערן געהיטן פונעם קלויבן, ס'זאָל נישט אָנרירן אַפילו אַ 'ספק ספיקא' פון חמץ. נאָך אַלע יגיעות, האָט ער באַוויזן אָפּצובאַקן עטליכע שמורה-מצות וויפיל מ'האָט געדאַרפט, און וויין פאַר די ארבע כוסות. אַזוי איז ער אַרויסגעגאַנגען פון הויז ערב פסח פריילעכערהייט, ווען די וויין און מצות זענען שוין געלעגן אויפ'ן טיש וואו מ'האָט אָפּגעראָכטן דעם סדר.

יום טוב ביינאַכט, ווען רבי בערצי איז געווען ביים דאַווענען אין ביהמ"ד, איז זיין רעביצין (וועלכע איז געווען אַ צובראָכענע פרוי), אַדורכגעגאַנגען דעם טיש, און איר 'שירצל' איז פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם טישטוך, און נישט באַמערקנדיג האָט זי נאָכגעשלעפּט נאָך זיך דעם טישטוך וואָס האָט זיך געפונען אויפ'ן טיש, און אַזוי זענען אַראָפּגעפאַלן די מצות און זענען צובראָכן געוואָרן, און דער וויין האָט זיך אויסגעגאָסן. די פרוי האָט נישט געוואוסט וואו זיך אַהינצוטוהן פון גרויס צער, און אין איר ביטערניש, האָט זי זיך געלייגט אין בעט מיט אַ שווער האַרץ אויף איר מאַן.

ווען רבי בערצי איז צוריקגעקומען פון שול, האָט זי איהם 'באַפאַלן', און איהם אָנגעשריגן מיט גרויס כעס, אַז ער איז שולדיג אין אַלעם וואָס האָט דאָ פּאַסירט, ווייל ער האָט נישט געלייגט די מצות און דעם וויין אויף אַ גוטן אָרט, און זי וויל דעריבער, באַלד נאָך יום טוב, באַקומען פון איהם אַ גט פון איהם...

רבי בערצי האָט געהערט אירע געשרייען, און ער האָט נישט געענטפערט אַפילו מיט אַ וואָרט. אדרבה, ער האָט איר באַרואיגט זאָגנדיג, 'וואָס איז דען אַ חילוק ווער ס'איז שולדיג, איך אָדער דו... אַלעס איז דאָך פון באַשעפער'. דאַן האָט ער רואיגערהייט אויפגעהויבן די מצות פון דער ערד [כאָטש מ'פירט זיך נישט צו עסן פסח מצה וואָס איז געפאַלן אויף דער ערד, האָט ער זיך נישט גערעכנט מיט די חומרא, נישט וועלנדיג מאַכן אַן עסק יעצט מיט חומרות, כדי צו פאַרמיידן אַ קריגעריי אין הויז]. דאַן האָט ער אָנגעהויבן פראַווען דעם סדר מיט אַ פריילעכן געמיט.

צומאַרגנס, ווען דער הייליגער קאַרלינער איז אַריינגעקומען אין שול צום דאַווענען, האָט ער אויסגערעכנט פאַר זיינע תלמידים די סדרים פון די צדיקים, דער סדר פון דעם צדיק האָט געשיינט אין אַלע עולמות, און יענער צדיק האָט פאַרשיינט מיט זיין סדר אַנדערע וועלטן, אָבער רבי בערצי'ס סדר האָט זיי אַלעמען איבערגעשטיגן, ווייל קיינער האָט נישט אויפגעטוהן וואָס ער האָט משיג געווען...

**לט.** ביי איינע פון די יקירי ירושלים וועלכער האָט ליידער נישט זוכה געווען צו זרע של קיימא, און אויך זיין רעביצין איז ליידער נישט געווען ביים בעסטן געזונט גייסטיש, איז אַמאָל אַהיימגעקומען פון שול פסח ביינאַכט מיט עטליכע בחורים וועמען ער האָט איינגעלאַדן צו זיין סדר אין דער הייליגער נאַכט פון פסח.

אַריינקומענדיג אין הויז, זענען די בחורים דערציטערט ביים זעהן אַז די באַלעבאָסטע, נישט נאָר וואָס זי האָט נישט צוגעגרייט אַ 'סדר טיש' ווי געהעריג, נאָר זי האָט איבערגעדרייט דעם טיש אויף דער ערד, און די פיס פון אויבן. די מצות און וויין זענען געלעגן אויף דער ערד, א.א.וו.... דער איד איז אָבער געשטאַנען רואיג, און זיך אָנגערופן צו זיינע ערשטוינטע געסט: דאָ קענט איר זעהן אַן אמת'ן 'זמן חרותינו'. **'חרותינו' מיינט דען דווקא ווען מ'קומט אַהיים פון שול און מ'טרעפט אַ געדעקטן טיש מיט אַלע מטעמים, געדעקט מיט אַ שיינעם טישטוך און מאכלים און מעדנים לרוב, און קינדער, 'בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך'? אויף אַזאַ אופן, איז עס דאָך נישט 'פרייהייט', נאָר דער מענטש איז 'משועבד' צו אַזאַ מצב. ער פרייט זיך מיט'ן אויבערשטען נאָר דעמאָלס ווען אַלעס איז 'אין בעסטן אָרדענונג'... אָבער דאָ, ביי מיר אין הויז, וואו אַלעס איז ממש פאַרקערט, דאָס איז דער אמת'ער 'חירות' - פרייהייט פון יעדן שעבוד צו ענייני עולם הזה, נאָר מיר פרייען זיך בלויז מיט דעם אויבערשטען!**

**מ.** ביי דעם 'סבא קדישא', הגאון רבי שלמה אליעזר אליפאנדרי זצ"ל, האָט אַמאָל פּאַסירט אַ גניבה אין הויז קורץ פאַר דעם יום טוב פסח. די גנבים האָבן צוגענומען 200 גאָלדענע 'נאַפּאָלעאָן', וואָס איז געווען גאָר אַ טייערע מטבע, און צוויי הונדערט דערפון האָט באַדייט אַ גאָר גרויסן סכום. ס'איז לייכט פאָרשטעלן זיך דעם צער און ווייטאָג וואָס די גניבה האָט געשאַפן פאַר די בני בית. ווען דער 'סבא קדישא' רבי שלמה אליעזר איז אַריינגעקומען צום סדר-טיש, האָט ער זיך אָנגערופן:

- ריכטיג טאַקע, ס'זענען גע'גנב'עט געוואָרן ביי אונז צוויי הונדערט 'נאַפּאָלעאָנען', אָבער **אונזער האַרץ און מח האָבן זיי דאָך נישט באַוויזן צוצונעמען...**

לדידן ייאמר, אויף יעדע שוועריגקייט וואָס קומט ח"ו אויפ'ן מענטש, דאַרף ער גוט געדענקען, אַז אפילו אויב ס'האָט זיך צובראָכן אַ כלי און ענליכע שאָדנס, אָבער דער מח ווערט נישט צובראָכן. לאָמיר אַלזאָ אַכטונג געבן נישט צו צעברעכן אונזער האַרץ און דאָס האַרץ פון די בני בית...

מיר האָבן געהערט פון אַ מקור נאמן, אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט איבער 100 יאָר צוריק. אַ איד ביי וועמען עס האָט געהערשט אין הויז אַ שרעקליכער דחקות ל"ע, עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט אַז שבת פלעגן די הויז געזינד עסן אַביסל מזונות. יעדעס קינד האָט באַקומען אַ שטיקל פונעם 'טאָרט' (קעיק), וואָס די מאַמע, די עקרת הבית, האָט אָפּגעבאַקן.

פסח ביינאַכט, האָט די גאַנצע משפחה זיך געזעצט צום סדר. דער עלטסטער זון, אַ יונגל פון 12 יאָר, האָט געזאָגט שיינע דברי תורה. ווען ער האָט געענדיגט זאָגן די 'דרשה', האָט זיין יונגערע שוועסטער, אַ פינף-יעריג מיידל, זיך אויפגעשטעלט, און אויסגעדרוקט איר באַגייסטערונג פאַר איר עלטערן ברודער, וועלכער זיצט און לערנעט טאָג און נאַכט און האָט יעצט געזאָגט אַזאַ שיינעם 'דרוש'... זי וויל איהם אַלזאָ געבן אַ שיינע מתנה. זי איז אַרויסגעגאַנגען צו ברענגען פון איר צימער די מתנה. די משפחה האָט זיך געוואונדערט, וואָס פאַר אַ 'פאַרמעגן' האָט דאָס קליינע אָרימע מיידל צו געבן דערפון אַ מתנה פאַר איר ברודער... דאָס הויז איז דאָך ליידיג... ווען דאָס מיידל איז צוריקגעקומען, האָט זי געזאָגט, אַז שוין עטליכע וואָכן צייט, 'שפּאָרט' זי פונעם קוכן וואָס זי באַקומט פון איר מאַמע יעדן שבת, און זי וויל יעצט שענקען אַלע אירע שטיקלעך קוכן אַלס אַ מתנה פאַר איר חשוב'ן ברודער, כדי אויסצודרוקן פאַר איהם איר שעצונג...

געוועינליך, ווען דער פאָטער וואָלט נישט געווען אויסגעאַרבעט אין מידות, וואָלטן באַלד אויסגעבראָכן 'קולות וברקים' אין הויז, מ'וואָלט געהערט געשרייען און זידלערייען, אַז מ'קען אַרויפברענגען אויף פסח'דיגן טיש חמץ גמור... דער טאַטע האָט זיך אָבער אינגאַנצן נישט פאַרלוירן, נאָר ער האָט באַלד אָנגעהויבן אויסלויבן דאָס מיידל פאַר די גרויסע 'ליבשאַפט פאַר תורה' וואָס פלאַקערט אין איר יונג ריין האַרץ, וואָס צוליב דעם האָט זי ממש 'מקריב געווען' פון איר אייגענע 'בלוט און פלייש'... דאַן האָט ער איר רואיג אויפגעקלערט דעם איסור פון חמץ בפסח, און ער האָט מקיים געווען די הלכה פון 'כופה עליו את הכלי'. ער האָט אַרויפגעלייגט אַ כלי אויפ'ן חמץ, און איר דערנאָך ווידעראַמאָל אויסגעלויבט. ער האָט אויסגעפירט מיט אַ ברכה, אַז אין דעם זכות, וועט זי זוכה זיין חתונה צו האָבן מיט אַ תלמיד חכם.

וכן היה, ווען זי איז אונטערגעוואַקסן האָט זי זוכה געווען אויפצושטעלן איר היים מיט דעם גאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל, וועלכער איז שפּעטער געווען פון די גדולי הדור אין אַמעריקע.

ביים הערן אַזאַ מעשה, דאַרף מען זיך מאַכן אַ שטיקל חשבון: אויב דער טאַטע וואָלט 'געברענט' מיט אַ העלישן פייער 'לשם שמים', און וואָלט געוואָרן אין כעס אויף דעם שרעקליכן מכשול וואָס האָט דאָ פּאַסירט אַז עס געפינט

## לילה כיום יאיר - יעדע אידישע שטוב ווערט פאַרוואַנדעלט צו קדושת ביהמ"ק

**דער** זוהר הקדוש זאָגט (ח"ב מ:), אַז דער אויבערשטער קומט אַראָפּ מיט די גאַנצע פמליא של מעלה, צו זעהן די עבודה פון אידישע קינדער אין דער נאַכט פון פסח[מא] (זעה אויך 'פרי עץ חיים', שער חג המצות, פ"א ופ"ח). קומט אויס אַז יעדער איד זיצט ביי זיך אינדערהיים פאַר דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא ממש, 'פשוטו כמשמעו'[מב], און דער אויבערשטער כביכול שטייט איבער איהם.

**אַזוי** טייטשט דער הייליגער 'תפארת שלמה' זי"ע (יום ב' דפסח, ד"ה 'בלילה ההוא'), די ווערטער פון די משנה (פסחים קיד.) 'הביאו לפניו', און אויך (שם קטז.) 'מוזגין לו' וכו'. 'לפניו' גייט אַרויף אויף דעם אויבערשטען. די אידן זענען די וואָס ברענגען און גיסן אָן (כביכול) פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא. דאָס איז די כוונה פון דעם וואָרט 'לפניו', אַזוי ווי מיר זאָגן אין דער הגדה: 'ונאמר לפניו שירה חדשה'[מג].

**אויף** אַן אַנדער אָרט, ברענגט דער 'תפארת שלמה' (שבת הגדול, ד"ה 'מצות תאכל'), די ווערטער פון זוהר הקדוש (ויקהל קצו.) אויף דעם פסוק (אסתר ז, ח) 'והמלך שב מגינת הביתן', יעדע נאַכט ווען עס קומט די צייט פון 'חצות', גייט דער אויבערשטער אַריין אין גן עדן, און ער איז זיך משתעשע דאָרט מיט די צדיקים, אָבער פסח ביינאַכט, קומט דער אויבערשטער כביכול אַראָפּ צו זיין מיט אידישע קינדער, וואָס זיי טוהען זיין רצון אויף דער וועלט, מיט די מצוות פון דער נאַכט.

**דאָס** איז נישט סתם הפלגות, נאָר עס איז נוגע אויך להלכה, ווי דער של"ה הקדוש שרייבט (געברענגט אין 'משנה ברורה', סי' תעג סקע"א) אַז מ'מאַכט נישט קיין 'הסיבה' ווען מ'זאָגט די הגדה, ווייל דער אויבערשטער שטייט איבער אונז, און כביכול, האָבן מיר אַ דין ווי אַ תלמיד ווען ער זיצט פאַר זיין רבי'ן, וואָס ער מאַכט נישט קיין הסיבה[מד].

---

זיך אין הויז חמץ גמור אין פסח, וואָלט ער דאָך מיט זיין גרויסן כעס אַויפגעלייגט אויף 'איר' (אויפ'ן קינד) די כלי, פאַר דעם וואָס זי האָט דאָ אָפּגעטוהן... ער וואָלט איר פאַרוואונדעט און גורם געווען אַ שאָדן וואָס קען מעגליך אַפילו נישט פאַרראָכטן ווערן שפּעטער, און זי וואָלט געוואָלט חתונה האָבן מיט איינעם וואָס איז ענליך צו איר טאַטן... אָבער יעצט, **אַז ער האָט זיך איינגעהאַלטן און באַהערשט זיין יצר הרע, האָט ער אַריבערגעבויגן די כלי אויפ'ן חמץ, און נישט אויף די טאָכטער... ער האָט דערמיט באַוויזן צו היטן אויף איר האַרץ, און זי האָט זוכה געווען צו ווערן די 'אשת חבר' פונעם גאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל.**

**מא.** יאָרן צוריק, ווען דער גאון רבי מיכל יהודה ליפקאָוויץ זצ"ל (ראש ישיבה פון ישיבה לצעירים אין פּאָניעוועזש), האָט פאַרקויפט דעם חמץ ביי דעם גאון רבי שמואל הלוי וואָזנער זצ"ל, בעל 'שבט הלוי', האָט הרב ליפקאָוויץ אָנגעוואונשן ווען ער האָט זיך געזעגנט, דער אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן מאָרגן (פסח ביינאַכט ביים סדר) זוכה זיין צו השראת השכינה. האָט הרב וואָזנער זיך אָנגערופן צו רבי מיכל יהודה: **צו השראת השכינה, וועלן מיר זיכער זוכה זיין, ווייל עס שטייט דאָך אין זוהר הקדוש אַז די גאַנצע פמליא של מעלה קומט אַראָפּ כדי צו הערן סיפור יציאת מצרים פון אידישע קינדער, נאָר מ'דאַרף בעטן אַז מיר זאָלן זוכה זיין אַז די השראת השכינה זאָל בלייבן ביי אונז לאורך ימים, די שכינה זאָל זיך נישט אָפּטוהן ח"ו פון אונז...**

**מב.** די גמרא זאָגט (ברכות ג.) 'אוי להם לבנים שגלו מעל שלחן אביהם' - ווי איז פאַר די קינדער וואָס זענען ליידער פאַרטריבן געוואָרן פונעם טיש פון זייער פאָטער. האָבן מיר געהערט פון אַ חכם, אַז דאָס איז נאָר במשך פונעם יאָר, אָבער פסח ביינאַכט, זיצן אידן יאָ ביים טיש פון זייער ליבן פאָטער אין הימל, דעם אויבערשטען.

ענליך געפינען מיר להלכה (שו"ע או"ח סי' תעז, ס"ב, ומשנה ברורה שם סק"ח), אַז פסח ביינאַכט ביים סדר 'אתכא דרחמנא סמכינן' - פאַרלאָזן מיר זיך, און **מיר זענען אָנגעלאַנט אויף דעם טיש פון דעם אויבערשטען.**

**מג.** הרה"ק רבי יחיאל מאיר פון גאַסטינין זי"ע, האָט נישט געקענט שלאָפן פסח ביינאַכט. ער האָט מסביר געווען דעם טעם פאַרוואָס ער קען נישט שלאָפן, מיט אַ משל: איינער האָט אויסגעפונען אַז ער האָט געוואונען אַ 'לאָטאָ', אַ גרויסן סכום פון צענדליגער טויזנטער גאָלדענע רענדלעך. איז דאָך פשוט, אַז פון גרויס התרגשות, קען אַזאַ געווינער נישט איינשלאָפן... דאָס זעלבע, **אין יום טוב פסח, ווערט יעדער איד רייך מיט אַ רוחניות'דיגער עשירות. ווער קען שלאָפן אין אַזאַ צייט...**

**מורא'דיגע** ווערטער, שרייבט דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע (דרשות לשבת הגדול תקס"ב, ד"ה 'כי תבואו'), אַז יעדעס אידישע הויז ווערט פאַרוואַנדלט אין דער נאַכט פון פסח, אין אַ 'בית המקדש' ממש. און מיר ווייסן דאָך וואָס חז"ל זאָגן אויף דעם בית המקדש, אַז עס איז געווען אַ 'מועט המחזיק את המרובה'. 'עומדין צפופין ומשתחווים רווחים' (אבות פ"ה), מ'איז געשטאַנען צונויפגעדרוקט (צוליב דעם גרויסן ציבור וואָס איז געקומען אויף די עלי' לרגל אין בית המקדש, יעדן יום טוב), און קיינער האָט נישט געזאָגט אַז עס איז איהם ענג. אויך די עסן איז געבענטשט געוואָרן אין בית המקדש, אַז ס'איז געווען גענוג צו עסן פאַר אַלע אידן וואָס זענען געקומען.

לויט דעם, טייטשט דער 'חתם סופר', די ווערטער וואָס מיר טוהען אויסרופן ביי דעם סדר, 'כל דכפין ייתי ויכול'. לכאורה, אויב מ'וויל איינלאַדענען דעם אָרימאַן צו עסן ביי אונזער טיש, וואָלטן מיר געדאַרפט דאָס אויסרופן אין ביהמ"ד יום טוב ביינאַכט, תיכף נאָך תפילת מעריב, כדי דער אָרימאַן וואָס האָט נישט ווי צו עסן, זאָל קענען אַהיימקומען מיט אונז צום סדר.

**נאָר** וואָס דען, היות אַז קדושה פאַרנעמט אינגאַנצן נישט קיין אָרט אויף דער וועלט, און צוליב דעם זאָגן מיר 'כהא לחמא עניא די אכלו אבהתנא' - אַט דער 'אָרימער מאכל' וואָס די אידן האָבן געגעסן אין

---

**מד.** מ'דערציילט, אַז דער גאון רבי שמעון שקאָפּ זצ"ל האָט פסח ביינאַכט ביים סדר געמאַכט אַ תענית דיבור, ער זאָל נישט נכשל ווערן צו רעדן דברים בטלים. ער האָט געזאָגט אַ טעם דערפאַר, ווייל דער פסוק זאָגט (שמות יב, יב) 'ועברתי בארץ מצרים בלילה הזה', וואָס עס מיינט, די נאַכט אין וועלכער מיר שטייען יעצט, און חז"ל דרש'ענען, 'ועברתי בארץ מצרים, אני ולא מלאך, אני ולא שרף'. קומט אויס, **אַז דער אויבערשטער בכבודו ובעצמו רוהט צווישן אונז, און ווי אַזוי קען אַ מענטש, אַ 'בשר ודם', וואַגן צו רעדן נאַרישע רייד ווען ער זיצט ממש פאַר דעם קעניג.**

אַזוי שרייבט שוין דער של"ה הקדוש (מסכת פסחים, נר מצוה) אַז צוליב דעם איז ראוי פאַר דעם מענטש זיך צו היטן נישט צו רעדן 'שיחת חולין' אין דער הייליגער נאַכט, אַפילו אַ וואָרט. מ'זאָל אָנזאָגן די בני בית וועגן דעם, און מ'זאָל זיך נישט אָפּטיילן פון דביקות אין באַשעפער אַפילו פאַר אַ רגע, נאָר יעדער זאָל זיך פאַרנעמען מיט די מצוות פון דער נאַכט, און מיט דערציילן די ניסים פון מצרים.

צוליב דעם טעם זאָגט דער גאון בעל 'ערוגת הבושם' זצ"ל (הגדה הלל נרצה, 'הא לחמא'), אַז מ'הייבט אָן די הגדה מיט'ן זאָגן 'הא לחמא עניא' אויף דער אַראַמישער שפּראַך, כדי אונז צו לערנען, אַז פסח ביינאַכט ביים סדר דאַרפן מיר נישט אָנקומען צו די מלאכים פון הימל אַז זיי זאָלן אַרויפפירן אונזערע תפילות פאַר דעם כסא הכבוד. וועגן אַ גאַנץ יאָר, זאָגט די גמרא (שבת יב:) אַז דער וואָס איז מתפלל אויף זיינע באַדערפענישן אויף דער אַראַמישער שפּראַך, טוהען די מלאכים נישט אַרויפפירן זיין תפילה צום כסא הכבוד, ווייל די מלאכים פאַרשטייען נישט לשון ארמי, אָבער פסח ביינאַכט רוהט די שכינה אין יעדן אידישן הויז, און דער באַשעפער ברוך הוא בכבודו ובעצמו הערט זיך איין צו די ווערטער וואָס אידישע קינדער זאָגן מיט'ן מויל, און וועגן דעם קען מען מתפלל זיין פסח ביינאַכט אויך אויף דער ארמ'ישער שפּראַך [ענליך צו דעם וואָס די גמרא זאָגט דאָרט אין מסכת שבת, אַז ביי אַ קראַנקן ל"ע קען מען זאָגן אויף אַראַמיש, ווייל די שכינה געפינט זיך צוקאָפּענס פונעם חולה].

אַ חכם האָט צוגעלייגט, אַז צוליב דעם זאָגן מיר אויך ביים סוף פונעם סדר, דעם פיוט 'חד גדיא', וואָס איז אויך אויף דער אַראַמישער שפּראַך, כדי אונז צו לערנען אַז די הייליגע שכינה רוהט צווישן אונז, **פון אָנהייב ביז'ן סוף סדר.** די שכינה געפינט זיך אין אידישע הייזער אין משך פון דער גאַנצער צייט ווען מיר טוהען אָפּרעכטן דעם סדר.

נאָך מער ווערט געברענגט אין נאָמען פון הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע, אַז מ'האָט מתקן געווען צו זאָגן 'חד גדיא' אויף אַראַמיש, ווייל עס איז אַזוי ווי אַ 'לחש' קעגן אַן 'עין הרע'. נאָך די גרויסע התגלות און הארה צו וועלכע מיר זענען זוכה פסח ביינאַכט ביים סדר, איז דאָ אַ חשש אַז די מלאכים וועלן האָבן קנאה אויף די אידן, און דערפאַר האָט מען מקדים געווען די רפואה פאַר די מכה, מבטל צו זיין דעם שאָדן וואָס קומט דורך אַן 'עין הרע'.

**פון דעם זעהען מיר אַז אידישע קינדער ווערן דערהויבן צו אַזאַ הויכע מדריגה ביים סדר פסח ביינאַכט, אויף אַזוי ווייט אַז ס'איז דאָ אַ חשש אַז די מלאכים וועלן האָבן קנאה אויף זיי.**

מצרים ווייל זיי זענען געווען הונגעריג, דאָס אַליין איז דער מאכל וואָס מיר עסן און פרייען זיך דערמיט ווען עס שוועבט איבער אונז די ברכה פון דעם אויבערשטען, ווען מיר דערציילן זיינע ניסים ונפלאות פסח ביינאַכט. און נישט נאָר דאָס, נאָר כאָטש מ'האָט אָנגעגרייט וויפיל מ'דאַרף, פונדעסטוועגן, 'כל דכפין ייתי ויכול, כל דצריך ייתי ויפסח', און עס וועט זיין גענוג צו עסן פאַר יעדן איינעם וואָס קומט...

**אַזוי** אַרום קען אויך אונזער הויז האָבן גענוג אָרט פאַר יעדן איינעם וואָס קומט אַריין, ווייל אונזער הויז איז יעצט אַן אָרט וואָס ווערט געהייליגט פאַר דעם אויבערשטען'ס נאָמען, און דאָס דערציילן זיינע וואונדער איז מעין פון ארץ ישראל, ווייל חז"ל זאָגן (מגילה כט.) אַז לעתיד לבוא וועלן די שולן און בתי מדרשים פון בבל (און פון חוץ לארץ בכלל), באַשטימט ווערן אין ארץ ישראל. אויף דעם זאָגן מיר, 'השתא הכא, לשנה הבאה בארעא דישראל', אַז קומענדיגן יאָר וועט אונזער הויז זיך שוין געפינען בקביעות אין ארץ ישראל.

**דער** מהר"ל מפראג ז"ל שרייבט (הגדה של פסח, ענין לבישת הקיטל), אַז מ'פירט זיך אָנצוטוהן אַ ווייסן קיטל ביים סדר פסח ביינאַכט, אַזוי ווי דער כהן גדול וואָס האָט אָנגעטוהן ווייסע בגדים ווען ער איז אַריינגעגאַנגען 'לפני ולפנים' - אין קודש הקדשים, אין יום כיפור... ווייל די גרויסקייט און קדושה פון יעדן איד פסח ביינאַכט, איז אַזוי ווי דער כהן גדול וואָס איז אַריינגעקומען אין קודש הקדשים אין יום כיפור[מה].

**מה.** די בעלזער צדיקים האָבן זיך געפירט צו פאַטשן מיט די הענט איידער זיי האָבן אָנגעהויבן זאָגן 'מה נשתנה' ביים סדר, ווייל דער כהן גדול האָט דאָך אָנגעטוהן דעם 'מעיל', וואָס האָט געהאַט אויף זיך גלעקלעך, און דער פסוק זאָגט (שמות כט, לה) 'ונשמע קולו בבואו אל הקודש'. דעריבער האָבן זיי צוזאַמענגעקלאַפּט די הענט, צו לאָזן הערן אַ קול ווען מ'קומט אַריין מיט די זעלבע קדושה.

לויט דעם קענען מיר האָבן אַ שטיקל השגה וועגן דעם גרויסן אור צו וועלכן צדיקים האָבן זוכה געווען אין דער סדר נאַכט פון פסח. זיי זענען געוואָרן אַזוי הייליג, ביז מ'האָט נישט געקענט קוקן אויף זייער הייליג פנים.

הרה"ק בעל 'אבני נזר' זי"ע האָט געזאָגט וועגן זיין שווער, דעם הייליגן קאָצקער רבי'ן זי"ע, אַז אַ גאַנץ יאָר האָט דער קאָצקער רבי געהאַט דאָס געשטאַלט פון אַ 'מלאך ה' צבקות' (אַזוי שרייבט ער אויך אין זיין ספר שאלות ותשובות 'אבני נזר', אבן העזר סימן קכב, אות מ), און ביים סדר פסח ביינאַכט האָט ער אויסגעזעהן 'כאחד משרפי מעלה' - ממש אַזוי ווי אַ 'שרף'!

נאָך האָט דער 'אבני נזר' געזאָגט וועגן זיין שווער דעם קאָצקער רבי'ן, אַז פסח ביינאַכט איז ער געווען אַזוי פיל העכער פון דער וועלט, אויף אַ מדריגה וואָס מ'האָט נישט געזעהן ביי איהם אַפילו אין יום כיפור. איינמאָל האָט ער געזאָגט, אַז זיין הייליגער שווער איז געווען 'אויסגעטוהן' פון עניני עולם הזה, און אין דער צווייטער העלפט פון דעם סדר זענען פון זיין הייליגן פנים אַרויסגעקומען פונקען פייער ממש. ('אביר הרועים', אות עג)

דאָס איז באַקאַנט, אַז דער 'אבני נזר' האָט נישט גערעדט סתם גוזמאות און מליצות. יעדעס וואָרט וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט פון זיין הייליג מויל, איז געוואויגן און געמאָסטן.

דער פרעשבורגער רב, הגאון רבי עקיבא סופר זצ"ל, האָט דערציילט וועגן זיין זיידן, דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע, אַז פסח ביינאַכט ביים סדר, האָט זיין פנים 'געפלאַקערט ווי אַ פלאַם פייער' ממש. עס האָט געלויכטן אַזוי ווי די זון אינמיטן העלן טאָג, און ווען די טעכטער פון דעם 'חתם סופר' האָבן דאָס דערציילט פאַר זייער שוועגערין, די רעביצין חוה לאה ע"ה, די 'אשת חבר' פונעם גאון בעל 'כתב סופר' זי"ע, אַז מ'קען ממש נישט קוקן אויף דעם פנים פון זייער פאָטער דעם 'חתם סופר' אין דער נאַכט פון פסח, צוליב די גרויסע לעכטיקייט וואָס שיינט פון זיין הייליגע צורה, האָט זי געמיינט אַז דאָס איז 'סתם אַ גוזמא'. למעשה, אָבער, ווען זי איז געזעסן ביים סדר האָט זי פרובירט צו קוקן אויפ'ן פנים פון איר הייליגן שווער דעם 'חתם סופר', אָבער זי האָט ממש נישט געקענט קוקן. זי האָט געזאָגט, אַז פונקט ווי מ'קען נישט קוקן אויף די זון אינמיטן טאָג צוליב די גרויסע לעכטיגקייט וואָס שיינט אַרויס, אַזוי האָט זי נישט געקענט קוקן אויפ'ן פנים פון איר שווער.

אגב, דאַרף מען זיך מתבונן זיין אין די וועגן פון די הייליגע צדיקים, אַז כאָטש זיי האָבן 'געפלאַקערט' ווי אַ פלאַם פייער ממש, **האָבן זיי מקיים געווען מיט רואיגקייט און געלאַסנקייט די מצוה פון 'סיפור יציאת מצרים', און האָבן נישט 'פאַרברענט' אין זייער 'פייער' די אַנדערע מסובים ביים סדר...** און מיר דאַרפן פון דעם זיך אַראָפּלערנען,

**דער** מהר"ל איז דאָרט מאריך מיט טיפע סודות און 'סתרי תורה', און ער פירט אויס, אַז אין דעם ענין איז 'ליל שימורים' אַזוי ווי יום כיפור. 'וטעם שניהם נסתר' - און דער טעם פון ביידע ענינים, איז באַהאַלטן.

**דער** רוח טהרה וואָס קומט אַראָפּ פּסח ביינאַכט אויף אידישע קינדער, איז אַזוי גרויס, אויף אַזוי ווייט אַז די פוסקים ברענגען (ט"ז ומג"א או"ח סי' תע"ב סק"ב) די ווערטער פונעם מהרי"ל (הלכות סדר ההגדה, ע' פח), אַז פּסח ביינאַכט, מעג מען זיך באַנוצן אויפ'ן טיש מיט משכונות פון גוים, און זיך פרייען דערמיט.

**איז** שווער, כאָטש מצד הדין מעג מען הנאה האָבן ווען מ'לייגט עס אויפ'ן טיש, אָבער מסברא, פּאַסט דאָך נישט אַרויפצולייגן אויף אַ קעניגליכן טיש - זה השלחן אשר לפני ה' - אַ טמא'נע זאַך פון אַ גוי.

**זאָגט** דער 'חתם סופר' (דרשות לשבה"ג ח"ב, דף רנה) אַז דער אויבערשטער האָט משפיע געווען אין דער נאַכט פון פּסח אַ קדושה אויף אידישע קינדער, ביז אַלע כוחות הטומאה ווערן בטל אין די תתק"ס (960) טיילן פון קדושה (תתק"ס סאה, איז דער שיעור פון אַ מקוה טהרה, און דאָס איז מטהר די כלים).

**צוליב** דעם מעג מען יעדעס יאָר פּסח ביינאַכט זיך באַנוצן מיט משכונות וואָס מ'האָט גענומען פון גוים, און יעדער איד איז מחויב זיך צו זעהן גלייך ווי ער גייט אַרויס בפועל ממש יעדעס יאָר פון מצרים. קומט אויס, אַז ער שטייט ממש אויף יענעם אָרט און אין יענעם זמן. דעריבער, אויך יעצט, בזמן הזה, הערשן נישט אויף אונז די כוחות הטומאה - אפי' אויב די גוי'אישע כלים זענען נישט גע'טובל'ט געוואָרן אין אַ מקוה - און דער אויבערשטער מיט זיין גרויסן חסד, האָט געטוהן וואונדער מיט אידישע קינדער און ער האָט זיי געטראָגן 'על כנפי נשרים', אַרויס פון די שערי טומאה, און ער האָט זיי אַריינגעברענגט אין די מ"ט שערי קדושה, עכ"ל.

**פון** דעם אַלעם קען מען לערנען, ווי ווייט יעדער מנהג ישראל וואָס מ'פירט זיך פּסח ביינאַכט, איז אין דער בחינה פון 'יסודתם בהררי קודש'. מיר האָבן נישט די מינדעסטע השגה ווי ווייט זיי טוהן אויף אויבן אין הימל אויף אַ וואונדערליכן אופן.

**אַזוי** שרייבט דער מהרי"ל (מנהגים, תחילת ליל הסדר), אַז יעדער איד דאַרף ציטערן מקיים צו זיין די ווערטער פון חז"ל, וואָס זיי האָבן מתקן געווען די מצוות פון דעם סדר און פון די הגדה, און עס זאָל נישט זיין גרינג אין זיינע אויגן. אויך אויב עס זענען דאָ אינעם סדר אַסאַך זאַכן וואָס זעהען אויס אַז עס איז נישט דאָ אַ הקפדה דערויף, זאָל ער גוט פאַרשטיין עס מקיים צו זיין, ווייל ס'איז נישט דאָ אין דעם קיין זאַך וואָס האָט נישט אַ פנומיות[מו], ע"כ.

---

אַז אויך אויב מ'פלאַקערט און מ'געפינט זיך אין די 'עולמות העליונים', 'כולו אומר כבוד' פון די קדושה פונעם יום טוב, דאַרף מען אָבער שטאַרק אַכטונג געבן נישט אַריינצופאַלן אין כעס און מחלוקת, עס זאָל נישט זיין 'שריפת נשמה' אין אַ 'גוף קיים'... ודי למבין.

**מו.** איין יאָר, ווען דער שאָצער רבי פון לאָנדאָן, הרה"ק רבי שלום מאָסקאָוויטש זי"ע, האָט מסדר געווען די 'קערה' ביים סדר, האָט ער געזאָגט, די ספרי המקובלים זענען מאריך וועגן דעם סדר ווי אַזוי אויסצושטעלן די 'קערה', וואו צו לייגן יעדע זאַך, ווייל איין זאַך איז מעורר דין און אַ צווייטע זאַך איז מעורר רחמים און חסדים. מיר זענען דאָך פשוט'ע מענטשן און מיר האָבן נישט קיין 'עסק בנסתרות', אָבער פונדעסטוועגן, **דאַרפן מיר וויסן אַז דורך די פעולות און מעשים וואָס מיר טוהען אויף דער וועלט, זענען מיר גורם 'איבערקערענישן' אין אַלע עולמות העליונים.**

ער האָט עס ערקלערט מיט אַ משל, אַ 'מיל' וואָס איז אויף די פלייצע פונעם אייזל און עס דאַרף מאָלן ווייץ. דאָס אייזל שלעפּט דעם שטיין וואָס איז גורם צו באַוועגן דעם מיל וואו די ווייץ ווערט געמאָלן. דאָס אייזל, וואָס האָט נישט קיין שכל, וואונדערט זיך פאַרוואָס דער בעה"ב פירט איהם אַרום און אַרום צו טראָגן אַ גרויסן שטיין אָן קיין תכלית. גאַנץ רעכט אויב ער וואָלט איהם געגעבן צו פירן עס אין אַ ווייטער שטאָט, וואָלט ער עס מעגליך נאָך געקענט פאַרשטיין, אָבער פאַרוואָס איז ער אַזוי אכזריות'דיג צו איהם און ער מאַכט איהם אַרבעטן מיט אַן 'עבודת פרך' אומזיסט... דער אמת איז אָבער, אַז נאָר אַן 'אייזל' טראַכט אַזוי, ווייל באמת האָט עס דאָך יאָ אַ

**וכאן הבן שואל - דאָ איז אַן עת רצון צו פועל'ן זש"ק און ערליכע גוטע קינדער**

די משנה זאָגט (פסחים קטז.) 'מזגו לו כוס שני, וכאן הבן שואל'. דער פשוט'ער פשט איז, אַז מ'גיסט אָן פאַר דעם טאַטן אַ צווייטן כוס וויין, און דאָ פרעגט דער זון די פיר קשיות - 'מה נשתנה'.

**צדיקים** האָבן אָבער געטייטשט על דרך רמז, אַז חז"ל האָבן דאָ געוואָלט מרמז זיין, אַז ווען אַ אידיש קינד פרעגט 'מה נשתנה', ווערט אַ גרויסער 'עת רצון' אין הימל, און מ'קען דעמאָלס מתפלל זיין אויף אַלעס וואָס מ'דאַרף נאָר האָבן, און אַזוי שרייבט דער 'בית אהרן' (לפסח, עט:), אַז זיין טאַטע, הרה"ק רבי אשר סטאָלינער זי"ע, האָט געזאָגט, 'כאן הבן שואל'. 'שואל' איז אויך פון לשון בעטן. דאָס הייסט, דאָ קען אַ איד בעטן פון זיין ליבן פאָטער אין הימל אַלעס וואָס ער דאַרף האָבן, און ער קען באַקומען חיות אויף אַלע זאַכן אין דער דאָזיגער הייליגער נאַכט. ער קען אפי' משיג זיין זאַכן אויף וועלכע ער האָט נישט געאַרבעט דערויף!

**ספּעציעל** איז עס אַן 'עת רצון' פאַר חשובי בנים ל"ע צו פועל'ן געהאָלפן צו ווערן מיט זרע של קיימא[מז], ווייל אויך דאָס איז אינעם כלל פון 'הבן שואל' - צו בעטן אויף אַ זון.

**און** אויך איינער וואָס איז שוין ברוך השם געבענטשט געוואָרן מיט קינדער, קען מקיים זיין 'הבן שואל',

---

גרויסן תועלת, ווייל דורך דעם וואָס ער טראָגט אויף זיך דעם שטיין, באַווייזט ער צו מאָלן די ווייצלעך אויפ'ן בעסטן אופן, און אַזוי וועט זיין בעה"ב פאַרדינען זיין שטיקל ברויט.

דער נמשל איז, ווען מיר זענען מסדר די 'קערה', טוהען מיר אויפטוהן גרויסע זאַכן אין הימל, **אָבער לאָמיר נישט זיין אַזוי ווי די אייזלען, וואָס האָבן אַ קליינעם שכל...**

אַמאָל פסח ביינאַכט, ווען דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'נתיבות שלום' זי"ע, האָט צוגעגרייט די 'קערה', האָט איינע פון די אָנוועזנדע געפרעגט, וואָס איז דער ענין פון 'זרוע', אַז עס איז מרמז אויף 'חסד'. ווי אַזוי טוט דאָס אַוועקלייגן די 'זרוע' אויפטוהן און ממשיך זיין חסד אויף דער וועלט. האָט דער 'נתיבות שלום' איהם געענטפערט:

- דער 'פילאָט' וואָס פירט דעם עראָפּלאַן, באַנוצט זיך מיט אַ ספּעציעלן קנעפּל אויפצוהייבן דעם עראָפּלאַן אַז ער זאָל פליהען הויך. צי דען פאַרשטייט דער פילאָט ווי אַזוי דער עראָפּלאַן ווערט אויפגעהויבן דורכ'ן דרוקן אויף יענעם קנעפּל, פאַרוואָס איין קנעפּל הייבט אויף דעם עראָפּלאַן און אַ צווייט קנעפּל לאָזט איהם אַראָפּ? ניין. נאָר וואָס דען, אַזוי איז דאָס מציאות, אַז דורך איין קנעפּל פּאַסירט אַזוי, און דורכ'ן צווייטן קנעפּל פּאַסירט דאָס פאַרקערטע. דאָס זעלבע איז מיט אונז: **אפילו אויב דו פאַרשטייסט נישט דעם סוד פון די ענינים פונעם 'סדר', אָבער מיר גלייבן באמונה שלימה, אַז יעדע פעולה וואָס אַ איד טוט היינט ביינאַכט, טוט אויפטוהן גרויסע זאַכן אין די עולמות העליונים, און עס טוט אויך אונז אויפהייבן ביז די העכסטע הימלען.**

**מז.** דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע זאָגט אויפ'ן פסוק (שמות יג, ח) 'והגדת לבנך ביום ההוא לאמור'. ער טייטשט עטליכע פירושים אויפ'ן וואָרט 'לאמור'. איין טייטש איז, אַז וויבאַלד דער פסוק זאָגט 'והגדת לבנך', איז גאַנץ רעכט אויב ער האָט אַ זון, אבער אויב ער האָט ח"ו נישט אַ זון וואָלט איך געוואָלט מיינען אַז ער איז פטור פון די מצוה פון סיפור יציאת מצרים. זאָגט דער פסוק 'לאמור', אַז על כל פנים דאַרף ער זאָגן, אַפילו פאַר זיך אַליין. איי, וועסטו פרעגן, וויבאַלד ער דאַרף סיי-ווי זאָגן די הגדה אַפילו פאַר זיך אַליין, אויב אָזוי, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק 'לבנך' - צו דיין זון?

זאָגט דער 'אור החיים' הקדוש, אַז **דער פסוק איז מרמז אַז אויב ער וועט זאָגן די הגדה וואָס שטייט דאָ אין דעם ענין, וועט דער אויבערשטער איהם העלפן און ער וועט איהם מזכה זיין מיט אַ זון**, עיי"ש.

**טייל פירן זיך צו לערנען די דאָזיגע ווערטער פונעם 'אור החיים' הקדוש נאָכ'ן סדר פסח ביינאַכט, אַלס אַ סגולה געהאָלפן צו ווערן מיט זרע של קיימא, און אַסאַך אידן זאָגן עדות אַז זיי זענען טאַקע געהאָלפן געוואָרן בדבר ישועה ורחמים נאָך דעם ווי זיי האָבן אַדורכגעלערנט די הייליגע ווערטער פונעם 'אור החיים' הקדוש.**

מיר האָבן געהערט פון אַ חשוב'ן דיין, אַז זיין זון האָט פיר יאָר נאָך די חתונה נאָך נישט זוכה געווען צו קינדער. חודש אלול, פרשת כי תבוא, ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט פאָרלערנען זיין 'שיעור קבוע' וואָס ער גיט יעדן ליל שישי אין ספר 'אור החיים' הקדוש, און ער איז אָנגעקומען צו די פסוקים פון 'ארמי אובד אבי' וגו', האָט ער זיך

דורך מתפלל זיין פאר די קינדער אז זיי זאלן גיין בדרך הטוב והישר[מח].

בבח אומצואווארפן אלע מחיצות וואס טוהען אפטיילן צווישן אידישע קינדער און זייער טאטן אין הימל [מט].

**פסח** ביינאכט ביים סדר, האבן די תפילות גאר א גרויסן כח, זיי שפאלטן די הימלען און זענען

**דאס** זאגן 'מה נשתנה' איז אויך מסוגל צו בעטן אז דאס הארץ זאל געעפענט ווערן צו פארשטיין די

---

דערמאנט פון די סגולה צו לערנען די ווערטער פונעם 'אור החיים' הקדוש אויפ'ן פסוק 'והגדת לבנך ביום ההוא לאמור', און בטעות האט זיך איהם געדאכט אז אויך דער פסוק 'והגדת לבנך' שטייט אין פרשת כי תבוא... ער האט געזוכט דאס שטיקל אבער ער האט עס נישט געפונען אין פרשת כי תבוא, ביז ער האט זיך דערמאנט אז עס שטייט אין פרשת בא. ער האט באלד פארגעלערנט דאס שטיקל אין פרשת בא, און ביז צען חדשים אז זיין זון געהאלפן געווארן מיט א בן זכר למזל טוב...

זעהען מיר פון דעם, אז דאס לערנען די ווערטער אין 'אור החיים' הקדוש, העלפט אויך 'שלא בזמנה' - נישט נאר פסח ביינאכט, **אבער אוודאי און אוודאי איז זיכער, אז פסח ביינאכט קען מען אויס'פועל'ן א ישועה אויב מ'לערנט אדורך דעם שטיקל 'אור החיים' אויף 'והגדת לבנך'.**

נאך א טעם ווערט געברענגט פארוואס די הייליגע נאכט פון יום טוב פסח איז מסוגל געהאלפן צו ווערן מיט קינדער, ווייל די גמרא זאגט (תענית ב.) אז דער שליסל פון א 'חיה' (וואס טוט געבוירן דאס קינד) איז נישט איבערגעגעבן געווארן אין די הענט פון די מלאכים, נאר אין די הענט פון דעם אויבערשטען בכבודו ובעצמו. קומט אויס, אז פסח ביינאכט, ווען ס'איז א 'שעת הכושר', דער אויבערשטער כביכול קומט אראפ מיט די גאנצע פמליא של מעלה צו זיין מיט די אידן אין זייערע הייזער ביים סדר, קען יעדער איינער בעטן דעם אויבערשטען געהאלפן צו ווערן מיט גוטע ברכות פון זרעא חייא וקיימא - לעבעדיגע און געזונטע קינדער.

מיר וויסן פון א יונגערמאן, א 'בן טובים', וועלכער האט ליידער לאנגע יארן נאך דער חתונה נישט געהאט קיין קינדער. ווען ער האט זיך אויסגעוויינט פאר איינע פון די צדיקי הדור, האט דער צדיק איהם פארגעשלאגן ער זאל **גוט אדורכלערנען דעם נוסח פון די 'הגדה של פסח' מיט די מפרשים על בוריו, פון אנהייב ביז'ן סוף**, און ער האט טאקע אזוי געטוהן, און ער האט אנגעהויבן לערנען די 'הגדה' מיט די פירושים פון די ראשונים, און ביז א קורצע צייט האט ער זוכה געווען להפקד בדבר ישועה ורחמים.

ס'איז איבעריג צו זאגן אז ער איז באלד אריבערגעגאנגען צו דעם צדיק כדי איהם אנצוזאגן די גוטע בשורה אז דער אויבערשטער האט איהם געהאלפן אדאנק די עצה פונעם צדיק, האט דער רבי איהם געזאגט אין א פשטות'דיגן טאן:

- אויך איך אליין האב נישט געוואוסט ווי ווייט עס דערגרייכט דער כוח פון די דאזיגע סגולה וואס איך האב דיר געגעבן...

**מח.** אזוי האט זיך אויך געפירט הרה"ק בעל 'עקידת יצחק' מ'אלכסנדר זי"ע, און די אנדערע צדיקים פון אלכסנדר, צו זאגן יעדעס יאר ביים סדר, 'וכאן הבן שואל' - **דא קען מען בעטן אויף קינדער, און אויף גוטע קינדער.**

**מט.** א חסיד און בר אוריין וואס האט לאנגע יארן געווארט אויף קינדער, האט איינמאל אויסגענוצט דעם שעת הכושר ווען זיין רבי, הרה"ק רבי יחיאל יהושע זי"ע פון ביאלא, בעל 'חלקת יהושע', איז געגאנגען שעפן 'מים שלנו' פאר די מצות, און ער האט זיך אויסגעוויינט בדמעות שליש פאר'ן ביאלער רבי'ן ער זאל פועל'ן פאר איהם א ישועה. האט דער ביאלער רבי זי"ע זיך אנגערופן צו איהם:

- צדיקים האבן דאך געזאגט, אז פסח ביינאכט ביים סדר, בשעת מ'פרעגט 'מה נשתנה', קען מען בעטן אויף קינדער, ווי ס'איז מרומז אין זייער הייליגן לשון: 'וכאן הבן שואל'. דעריבער איז מיין עצה צו דיר, אז דו זאלסט דעמאלס שטארק מתפלל זיין און שרייען צום באשעפער, וועסטו אוודאי זוכה זיין צו א ישועה...

למעשה, האט אבער דער יונגערמאן געהאט אסאך טירדות ביים סדר, ווייל ער האט זיך זייער שטארק געאיילט צו זיין אנוועזנד ביי זיין רבי'ן ווען ער טוט אפרעכטן דעם סדר, און דאס האט גורם געווען אז ער זאל פארגעסן מתפלל צו זיין אויף קינדער. נאכ'ן סדר, ווען דער יונגערמאן איז אנגעקומען צום סדר פון זיין רבי'ן, האט דער רבי איהם צוגערופן און איהם געפרעגט: **'פארוואס האסטו פארגעסן צו בעטן?'...**

הייליגע תורה, ווי עס שרייבט הגה"צ רבי משה יהודה כ"ץ זצ"ל הי"ד פון סארדאהעלי, אין ספר 'ויגד משה', אויף הגדה של פסח (סכ"א, אות יג), אַז ער האָט געזעהן אין כתב יד פון דעם גאון בעל 'משנה שכיר' זצ"ל הי"ד, וואו ער ברענגט אַז אין ספר 'כורסייא דאליהו' פון אַ הייליגן מקובל אין ירושלים, ברענגט ער אין נאָמען פון די מקובלים, אַז ווען מ'פרעגט 'מה נשתנה', איז מען גורם אַז דאָס האַרץ זאָל געעפענט ווערן אין תורה.

**ער** גיט צו, אַז צוליב דעם האָט ער איינגעפירט ביי זיך אינדערהיים, אַז אַלע פאַרזאַמלטע ביים סדר פרעגן 'מה נשתנה', און זענען מתפלל אַז עס זאָל זיי העלפן צו עפענען זייער האַרץ אין תורה, 'און נאָך דעם ווי אַלע פאַרזאַמלטע ענדיגן פרעגן 'מה נשתנה', זאָג איך אַליין אויך 'מה נשתנה'...', עכ"ל.

**ועכשיו קרבנו המקום - יעצט, ווער איך אזוי נאָנט מיט'ן אויבערשטן**

**עס** שטייט אין ספה"ק 'ישמח ישראל' (הגדה של פסח, אות יא, אין נאָמען פון זיין פאָטער, הרה"ק רבי יחיאל פון אלכסנדר זי"ע), אַז מ'זאָל נישט זאָגן אַז מיט'ן 'רשע' פון די הגדה מיינט מען אַ 'רשע גמור', נאָר עס מיינט, איינער וואָס איז זיך מייאש פון תשובה, ער מיינט אַז ער האָט שוין נישט קיין האָפענונג, און ער האָט שוין נישט אַ חלק ונחלה אין כלל ישראל. אויף דעם זאָגט מען, אַז ער איז אַ 'כופר בעיקר' - ווייל ער שליסט זיך אויס פון כלל ישראל. דאַרף מען איהם ענטפערן: 'בעבור זה עשה ה' לי בצאתי ממצרים'. אויך יעדער איינצלנער יחיד איז אין דעם כלל, ווייל אויך אין מצרים זענען אידישע קינדער ליידער געווען פאַרזינקען אין די מ"ט שערי טומאה, און פונדעסטוועגן האָט דער אויבערשטער זיי אויסגעלייזט און אַרויסגענומען זיי 'מאפילה לאור גדול'.

**אויך** יעצט, יעדער איד ביי זיין סדר, איז מחויב צו גלייבן און צו זאָגן, בעבור זה עשה 'לי' דייקא, ווייל אויך היינט קען מען אין דער נאַכט פון פסח אַרויסגיין מאפילה לאור גדול, אַפילו איינער וואָס געפינט זיך ליידער אין אַ גאַר נידעריגן מצב[נ].

**דער** מענטש זאָל זיך נישט איינרעדן, אַז דאָס וואָס מ'גייט אַרויס אין דער נאַכט פון פסח 'מאפילה לאור גדול', איז געזאָגט געוואָרן נאָר ווענן גרויסע צדיקים, אָבער פאַר אונז איז דאָס אַלעס נישט שייך, ווייל דאָס איז נישט ריכטיג, ווי עס שטייט אין 'בית אהרן' (לפסח, פה:) אַז דער וואָס דינט דעם אויבערשטען באמת, קען

---

דער יונגערמאַן האָט זיך 'אויסגעטשוכעט', און ער האָט אויסגענוצט די עטליכע שטונדן וואָס זענען איהם נאָך פאַרבליבן פון דער נאַכט, צו בעטן רחמים ותחנונים ביים אויבערשטען, און קומענדיגן יאָר האָט ער זוכה געווען להפקד בדבר ישועה ורחמים.

**נ.** דער אַלטער אלכסדר חסיד, ר' משה בוים ז"ל, האָט דערציילט, אַז אין אלכסנדר פלעגן אַלע חסידים זיך באַטייליגן ביים סדר וואָס דער רבי, הרה"ק בעל 'ישמח ישראל' זי"ע, האָט געפירט (יעדער איינער האָט געהאַט אַ ספּעציעלן 'קיטל', מיט גרויס טאַשן פאַר די מצות און פאַר'ן וויין וואס מ'האט זיך מיט געברענגט). יעדעס יאָר ווען דער 'ישמח ישראל' איז אַריינגעקומען אָפּרעכטן דעם 'סדר', איז זיין הייליג פנים געווען ווייס ווי קאַלך, און אַ 'חרדת אלוקים' האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן עולם - אַ ציטער וואָס מ'קען עס גאָרנישט שילדערן. דער 'ישמח ישראל' איז צוגעגאַנגען צום אויבנאָן, מסדר געווען די קערה, און אויסגעשריגן הויך אויפ'ן קול, 'ליל התקדש חג, ליל התקדש חג', איינמאָל און נאָך אַמאָל, ביז זיין פנים האָט געפלאַקערט מיט אַ 'שלהבת אש קודש'. און ער האָט געזאָגט:

**- אַ איד וואָס גלייבט נישט אַז היינטיגע נאַכט גייט מען אַרויס פון דער נידעריגסטער בחינה ביז די העכסטע מדריגה, איז ער דער רשע וואָס די הגדה מיינט!**

דאַן איז דאָס בלאַסע פנים פונעם 'ישמח ישראל' געוואָרן 'רויט ווי פייער'. ער האָט געזעצט אויפ'ן טיש, אַזש אַז אַלע כלים האָבן זיך געשאָקלט פונעם שטאַרקן זעץ.

אַ חשוב'ער איד האָט אונז מעורר געווען, אַז מיר געפינען נאָך אַ וואונדערליכן לימוד אין די ווערטער פון 'ישמח ישראל', ביי דעם וואָס ער שרייבט, אַז אויך דער וואָס איז ליידער שוין אין שאול תחתיות, ווערט נאָך נישט אָנגערופן דער 'רשע' פון דער הגדה. ער ווערט אַזוי גערופן, נאָר אויב ער איז זיך מייאש פון זיין מצב, און ער גלייבט נישט אַז ער קען אַרויסגיין פון דאָרט אין דער דאָזיגער נאַכט. אַזאַ איינער קען גערעכנט ווערן ווי דער 'רשע' פון דער הגדה.

נעמען פון די סדר-נעכט גאָר אַסאַך סיי ברוחניות, און סיי בגשמיות. און נישט דווקא גרויסע מענטשן, נאָר אַפילו פאַרגרעבטע מענטשן, 'פחותי ערך', יעדער איינער קען נעמען לויט זיין מדריגה, און מ'דאַרף אין דעם גלייבן און מעורר זיין דאָס האַרץ מיט תשובה, כדי זיך צו דערנעענטערן צו דעם אויבערשטען ברוך הוא.

**מ'קען** זאָגן אַ רמז דערויף אין פסוק (שמות יט, ד) 'ואשא אתכם על כנפי נשרים'. דער אָדלער איז אַ טמא'נער פויגל, און פונדעסטוועגן, האָט דער אויבערשטער צוגעגליכן די גאולה פון מצרים, צום טראָגן אויף אַן אָדלער, כדי אונז צו לערנען אַז אויך איינער וואָס איז טמא געוואָרן מיט עבירות ח"ו, קען זיך דערנעענטערן צו דעם אויבערשטען ברוך הוא, 'ידו פשוטה לקבל שבים'.

**אויך** דער 'חתם סופר' זי"ע זאָגט אַזוי (דרשות לפסח, שנת תק"פ, בתחילתו), אַז פונקט אַזוי ווי יעדער איינער איז מחויב צו זעהן זיך אַליין ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, אַזוי דאַרף דער מענטש זיך זעהן גלייך ווי ער איז געווען פון די מענטשן וואָס האָבן געדינט עבודה זרה. 'ועכשיו' - און יעצט! האָט דער אויבערשטער איהם דערנעענטערט צו זיך. און היינט ביינאַכט האָט ער אָנגעהויבן דינען דעם באַשעפער אין אָנהייב, מיט די מצוות וואָס זענען גילטיג אין דעם נאַכט.

**גאָר** הערליך זאָגט דער 'חתם סופר', לויט דעם, אַ טעם פאַרוואָס אין דער הגדה של פסח, ביים סוף פון 'מגיד', זאָגט מען די ברכה 'אשר גאלנו'. כאָטש ביי אַלע מצוות האָבן מיר אַ קיימא-לן אַז מ'דאַרף מאַכן די ברכה איידער מ'איז מקיים די מצוה ('עובר לעשייתן'), ווייל אַזוי ווי מיר געפינען ביי אַ גר, אַז ער מאַכט אַ ברכה בשעת ער טובל'ט זיך לשם גירות, ווייל פריער קען ער נישט מאַכן די ברכה, ווייל ער איז דאָך אַ גוי, און אַזוי זענען מיר צוגעגליכן צו אַ גר וואָס איז זיך יעצט מגייר, און נאָר נאָך סיפור יציאת מצרים, ווערן מיר גערעכנט אַזוי ווי אידן, און דאַן קען מען מאַכן די ברכה (ס'איז כדאי צו זעהן דאָרט אין 'חתם סופר', וואָס ער פאַרענטפערט דערמיט אויך אַנדערע קשיות).

**אָט** דאָס איז דער עיקר משמעות פונעם נאָמען פון דעם יום טוב 'פסח', פון לשון איבערהיפּן און אַריבערשפּרינגען, כדי אונז צו לערנען, אַז יעדער איינער איז בכח אַרויפצושפּרינגען אַסאַך מדרגות[נא], פיל מער ווי ער איז בכח צו שטייגן במשך פונעם גאַנצן יאָר[נב].

---

עס שטייט אין ספה"ק 'ישמח ישראל' (לשבת חול המועד, ד"ה 'הנה אמרו חז"ל'), שבת חול המועד פסח זאָגן מיר אין דער הפטורה וועגן די 'טריקענע ביינער' ('עצמות היבשות') וואָס יחזקאל הנביא האָט לעבעדיג געמאַכט, און דער 'טור' (או"ח סי' ת"צ) ברענגט אין נאָמען פון רב האי גאון, אַז אין יום טוב פסח, וועט זיין 'תחיית המתים'.

זאָגט דער 'ישמח ישראל', אַז די 'עצמות יבשות' זענען מרמז אויף די מענטשן וואָס פאַלן אַריין אין יאוש. זיי זאָגן, אונזערע ביינער זענען פאַרטריקנט און אונזער האָפענונג איז פאַרלוירן. מיר האָבן מער נישט אַ חלק ונחלה אין אונזער טאַטע אין הימל' ח"ו. באמת איז אָבער נישט אַזוי, נאָר דאָס עצמיות פון יעדן איד לעבט. מ'דאַרף עס נאָר אויפלעבן...

דער 'ישמח ישראל' שרייבט דאָרט, אַז דער הייליגער יום טוב פסח איז מסוגל עס אויפצולעבן, ווי מיר זאָגן (פיוט לפרשת החודש), 'אמיץ לעורר מרדם ישנים'.

**נא.** דאָס איז מרומז אין דעם וואָס מיר עסן דעם 'כרפס'. אַ גאַנץ יאָר איז דער 'כרפס' באַהאַלטן אונטער דער ערד, און נאָר די 'בלעטער' קומען אַרויס פון אויבן. פונדעסטוועגן, נעמט מען עס אַרויס פסח ביינאַכט פון דער ערד, און ער ווערט אַ 'חפצא של מצוה', אַרויפצוקומען אויפ'ן 'שלחן מלכים' - ביים קעניגליכן טיש פונעם סדר. **אַזוי איז יעדער איינער בכח זיך אויפצוהייבן פונעם טיפסטן גרוב, צו די העכסטע מדריגות און שטאַפּלען.**

דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, פלעגט זאָגן וועגן דעם 'רעטעך' וואָס מ'נעמט פאַר 'כרפס': 'אַ גאַנץ יאָר ביזטו ווערד געווען אַ רעטעך', און יעצט האָסטו זוכה געווען נתעלה צו ווערן און צו זיין אויפ'ן סדר-טיש... דאָס זעלבע איז געזאָגט געוואָרן פאַר אונז, **אַז אויך איינער וואָס איז נישט ווערד מער ווי אַ 'רעטעך', קען זיך דערהייבן אין דער הייליגער נאַכט.**

**נב.** די ראשונים שרייבן (רשב"ם, פסחים צט:) אַז חז"ל האָבן מתקן געווען צו טרינקען פיר כוסות וויין אין דער סדר-נאַכט, אַלס אַ זכר צו די פיר לשונות פון גאולה וואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו די אידן אין מצרים: והוצאתי, והצלתי, וגאלתי, ולקחתי.

**תאכלו מצות - די גרויסע סגולות און קדושה פון די הייליגע מצות**

**דער** גאנצער יו"ט דרייט זיך ארום די הייליגע מצוה פון אכילת מצה. אוודאי, ישראל קדושים מיר טוהן אלע וואס עס שטייט אין די תורה הק', אבער ס'איז פשוט אז מ'קען עס נישט טוהן סתם אזוי, נאר אזא גרויסע און הייליגע מצוה פאדערט זיך די ריכטיגע הכנה און התבוננות, וויסן און פארשטיין די הייליגקייט דערפון.

**ס'איז** באקאנט וואס עס שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ב קפג:) אז מצה איז 'מיכלא דאסוותא' - א מאכל וואס ברענגט א רפואה, און 'מיכלא דמהימנותא' - א מאכל וואס טוט איינווארצלען אמונה אין הארץ פון מענטש.

**זאגט** דער 'תפארת שלמה' (רמזי פסח, ד"ה 'נחזור לענין') אז ביידע זאכן זענען איין זאך. אויב עס פעלט פאר דעם מענטש די מדה פון אמונה, איז ער אזוי ווי איינער וואס עס פעלט איהם ח"ו א רפואה, און דאס עסן מצה, איז מסוגל אויסצוהיילן דעם מענטש וואס עס פעלט איהם אין אמונה, ווייל דורך אכילת מצה, איז דער מענטש זוכה צו אנערקענען דעם אויבערשטען ברוך הוא.

**עס** שטייט אין ספה"ק 'ישמח ישראל' (להגדה של פסח, אות עה, ד"ה 'כל דכפין'), אז אויך די גוי'שע דאקטוירים זענען מסכים אז מצה איז א רפואה פאר'ן קאפ. נאר זיי זענען 'מתנבאים, ואין יודעים מה מתנבאים' - זיי זאגן 'נביאות', אבער זיי ווייסן נישט וואס זיי זאגן, ווייל דורך אכילת מצה איז מען טאקע זוכה צו אמונה, און מ'איז מתקן דערמיט דעם מח וואס געפינט זיך אין קאפ.

**הרה"ק** בעל 'תפארת שלמה' זי"ע שרייבט (שבה"ג, ד"ה 'או יאמר מצות תאכל') נאך מער, אז די גרויסקייט פון די מצוה צו עסן מצה איז, ווייל אנדערש ווי אלע אנדערע מצוות וואס מ'איז מקיים אינדרויסן פון מענטשליכן גוף, ווערט די מצה 'איינגעשלינגען' אין מענטש, און צוליב דעם איז עס מסוגל צו היילן דעם מענטש מיט א רפואת הנפש ברוחניות, און עס העלפט איהם אויסרייסן פון זיך דאס גאנצע שלעכטס וואס געפינט זיך אין איהם, ער זאל קענען זיין דבוק אין דעם באשעפער.

**אזוי** האט געזאגט דער הייליגער רבי ר' מענדעלע פון רימנוב זי"ע ('מנחם ציון', דרושים לפסח, ליום ח' אחרון של פסח) אז אכילת מצה איז מסוגל אז עס העלפט בטל מאכן אלע שלעכטע תאוות פונעם מענטש.

**אויך** שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ג, רנא:) אז דאס עסן מצה טוט אויסלייטערן די נשמה פון א איד, פון יעדן שמוץ און פגם, און נישט נאר אויף עבירות וואס מ'האט געטוהן אין דער פארגאנגענהייט, נאר ס'איז אויך מסוגל צו רייניגן דאס נפש פון מענטש אויף להבא.

**אין** 'ישמח ישראל' שטייט (להגדה של פסח, אות נו) אז מצה איז מעורר צו אהבת ה', און ממילא, ווען מיר וועלן זיין געזונט אויף די חולי הנפש נאכ'ן עסן מצה - 'מיכלא דאסוותא', וועלן מיר נישט גליסטן צו קיין שום זאך, נאר צו דעם אויבערשטען און זיין תורה און מצוות.

**דאס** איז מרומז אינעם 'אפיקומן', וועלכע איז ראשי תיבות 'אפיקו מיני מתיקה'. עס נעמט אוועק פון דעם מענטש יעדע הנאה פון עולם הזה, ער זאל זיין דבוק אין דעם באשעפער[נג].

---

זאגן די אחרונים, אז פונדעסטוועגן, דארף מען פארשטיין פארוואס האט מען מתקן געווען צו נעמען דווקא וויין, און מ'האט נישט געהייסן נעמען פיר מצות, וכדומה.

האט דער גאון און פוסק רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל געזאגט, ביי יעדן לשון פון גאולה וואס דער אויבערשטער האט געזאגט צו די אידן, האבן די אידן זוכה געווען צו א העכערע און מער שלימות'דיגע גאולה, און אנטקעגן דעם האט מען מתקן געווען צו טרינקען וויין, ווייל ווען מ'טרינקט 'יין המשכר', ווערט מען דאך ביי יעדן כוס אן 'אנדערער מענטש'. וואס מער ער וועט טרינקען, וועט ער זיך אלץ מער פרייען. ממילא, וועט אויך זיין דאנקען דעם אויבערשטען און דערציילן וועגן די וואונדער פון יציאת מצרים, זיין אזוי ווי א 'פנים חדשות'...

דאס הייסט, די כוונה איז אז **דער מענטש זאל זיך איבערדרייען צו ווערן אן 'אנדערער מענטש' - א נייע באשעפעניש, מיט'ן כח פון דער סדר-נאכט, און דער סיפור פון די הגדה, און שטייגן אין מדריגות העכער און העכער.**

**נג.** צוליב דעם זענען דא אידן וואס פירן זיך צו טראגן אין טאש וואו זיי גייען, א שטיקל פונעם 'אפיקומן' פאר שמירה, אזוי ווי אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע האט זיך געפירט, צו טיילן פון די 'שמורה' מצות,

פונדעסטוועגן, זענען די ווערטער פון זוהר הקדוש ריכטיג אויך בפשטות, אַז דאָס עסן מצה ברענגט פאַר דעם מענטש אויך אַ רפואת הגוף בפועל ממש, ווי ס'איז מרומז אינעם וואָרט 'מצה' - ראשי תיבות מ'כל צ'רה ה'צילני[נד].

צדיקים האָבן טאָקע במשך פון גאַנצן יאָר, געהאַט אַ גרויסע השתוקקות צו עסן די מצת מצוה בקדושה ובטהרה, און מיט זייער גרויסע קדושה האָבן זיי געמאַכט די ריכטיגע הכנות פאַר'ן מקיים זיין די גרויסע מצוה בכל פרטיה ודקדוקיה וכוונותיה[נה].

---

מוצאי שביעי של פסח, ווייל די גמרא זאָגט (סוכה לח.) 'שיירי מצוה מעכבין את הפורענות', און אַזוי האָבן אַסאַך צדיקים זיך געפירט.

**נד.** הגה"צ רבי צבי קינסטליכער זצ"ל, אבד"ק הערמענשטאט-סעבען, וועמען מ'האָט גערופן 'דער סעבינער רב', איז געווען פון די גדולי הרבנים אין רומעניע פאַר דער ביטערער צווייטער וועלט מלחמה (נאָך דער מלחמה איז ער געקומען קיין ארץ ישראל, וואו ער האָט געוואוינט אין ירושלים און איז געווען נאָנט צו כ"ק הגה"צ רבי ישראל משה דושינסקי זצ"ל. הרה"ק רבי יהודה'לע דזשיקוב'ער זי"ע פלעגט זיך אַסאַך מסתופף זיין בצלו פון סעבינער רב).

איין יאָר חודש ניסן (פאַר דער מלחמה), האָט דער סעבינער רב געליטן פון שטאַרקע יסורים אויפ'ן מאָגן ל"ע, איז ער געפאָרן קיין קלויזענבורג וואו עס האָבן געוואוינט גרויסע פראָפעסאָרן, און נאָך אינטענסיווע אונטערזוכונגען און 'טעסטן', האָבן די דאָקטוירים איהם געזאָגט אַז ערליידט פון אַ שווערע מחלה רח"ל. זיי האָבן געזאָגט אַז מ'דאַרף אַלזאָ זאָפאָרט אָפערירן, כדי איהם צו היילן פון דער מחלה. ווען דער סעבינער רב האָט געהערט די ביטערע בשורה, האָט ער נישט געקענט איינשטימען צו בלייבן אין שפּיטאָל אין משך פונעם יום טוב. ער האָט זיך פאַרלאָזט אויפ'ן באַשעפער און געזאָגט פאר די דאָקטוירים אַז ער וועט נישט עובר זיין אויף 'בל תאחר', אויב ער וועט אַהיימפאָרן אויף יום טוב. בלית ברירה, האָבן די דאָקטוירים מסכים געווען אָפּצולייגן די אָפעראַציע, אָבער זיי האָבן איהם אָנגעוואָרנט מיט די שטרענגסטע ווערטער, ער זאָל נישט עסן קיין שום מאכל אויסער מילך, אייער און זאַפט פון מאַראַנצן ('אָראַנדזש דזשוס' בלע"ז). שוין אָפּגערעדט אַז ער טאָר נישט עסן קיין ברויט, און מצות אין פסח.

אַלזאָ, די סדר-נאַכט פון פסח, האָט דער סעבינער רב געפּראַוועט ווי זיין שטייגער, מיט אַ התרוממות הרוח און התלהבות הנפש מתוך שמחה וחדוה. ווען עס איז געקומען צום עסן די מצה, האָט ער 'אָנגעפּיפּן' די דאָקטוירים, און געגעסן דעם כסית מצה איינגעווייקט אין מילך, ביידע נעכט פון יום טוב. 'וחסדי ה' כי לא תמנו', אַז אין דער צווייטער נאַכט נאָכ'ן סדר זענען די יסורים אינגאַנצן אַוועקגעגאַנגען, 'כאילו לא היו', און איך האָב נישט געשפּירט קיין שום ווייטאָג.

שבת נאָך פסח, איז דער סעבינער רב אַרויפגעגאַנגען אויף דער בימה, און געלאָזט וויסן פאַר'ן עולם אין שול אַז ער דאַרף ליידער אַדורכגיין אַ געפאַרפולע אָפעראַציע און ער בעט אַז קהל זאָל מתפלל זיין פאַר איהם ער זאָל זיין געזונט. מיט טרערן אין די אויגן, האָט דער רב זיך ממש געזעגנט פון זיי ווייל ס'איז מעגליך אַז ער וועט חלילה נישט זוכה זיין אויפצושטיין פון קראַנקן בעט געזונטערהייט, ווער ווייסט וואָס דער אויבערשטער וועט אויף איהם גוזר זיין. עטליכע טעג שפּעטער, איז ער צוריק געפאָרן קיין קלויזענבורג צום דאָקטאָר, וועלכער האָט איהם נאָך אַמאָל אונטערזוכט פאַר דער אָפעראַציע. צו זיין גרויסע איבעררעאַשונג, האָט דער דאָקטאָר געזעהן אַז די מחלה איז ב"ה אינגאַנצן פאַרשוואונדן. מ'זעהט נישט קיין זכר פון אַ קראַנקהייט...

דער דאָקטאָר איז אַלזאָ געווען זיכער אַז דער רב האָט אינצווישן באַזוכט ביי אַן אַנדערן פראָפעסאָר וועלכער האָט איהם וואַרשיינליך אויסגעהיילט, און פול מיט התפעלות, האָט ער איהם געבעטן ער זאָל איהם זאָגן ווער ס'איז דער פראָפעסאָר וואָס האָט באַוויזן איהם גענצליך אויסצוהיילן. האָט דער סעבינער רב איהם געענטפערט, אַז ער איז נישט געווען ביי קיין שום דאָקטאָר, נאָר **פסח ביינאַכט ביים סדר האָט ער געגעסן דעם כזית מצה, וואָס איז 'מיכלא דאסוותא', און דורך דעם האָט ער זוכה געווען צו אַ רפואה שלימה.** האָט דער דאָקטאָר זיך אָנגערופן: 'עס האָט מיך אייך פּאַסירט אַ גרויסער נס', און ער האָט מודה געווען אַז אַלע ידיעות און חכמות פון די דאָקטוירים, זענען 'כאפס וכאין' אַנטקעגן דעם רצון פונעם באַשעפער ברוך הוא.

דער בעל העובדא, דער סעבינער רב זצ"ל, שרייבט די גאַנצע מעשה (געדרוקט אין ספר 'באר צבי', חלק האגרות, מכתב לב) אין אַ בריוו צו זיין ידיד און מחותן הגה"צ רבי ישראל וועלץ זצ"ל, און ער פירט אויס: איך בעט אייך איר

זאָלט איבערגעבן דעם אינהאַלט פון מיין בריוו צו מיין זון שיחי', כדי ער זאָל אויך וויסן צו דאַנקען און לויבן דעם אויבערשטען ברוך הוא על כל החסד, און ער זאָל מאַכן די יברכה שעשה נסים לאבותינו'.

עדי שמיעה פלעגן אויך דערציילן מיט בענגשאַפט, ווי אַזוי דער סעבינער רב זצ"ל פלעגט שילדערן די הרגשה וואָס ער האָט געשפירט, ווי די מצות האָבן ממש גע'פועל'ט אָפצוטוהן פון איהם אַלע זיינע ווייטאָגן.

אַן ענליכע מעשה האָט פאַסירט אין יאָר תשע"ז. אַ איד פון לעיקוואוד, הרב צבי לאפה שליט"א, האָט ערב פסח געפירט זיין אויטאָ, און פלוצלינג האָט מיט איהם פאַסירט אַ שרעקליכער עקסידענט רח"ל. זיין קאַר האָט זיך איבערגעדרייט און אַלע פיר רעדער זענען 'געשטאַנען' העכער דעם אויטא. די טירן פון די קאַר זענען אינגאַנצן צעשמעטערט געוואָרן, אַזוי אַז די 'הצלה' וואָלונטירן האָבן געדאַרפט אַרבעטן אַ האַלבע שעה אויפצורייסן און צו צעשניידן די רעדער כדי אַרויסצונעמען ר' הערשל'ען פון די קאַר. אַ צעביילטן און פאַרוואונדעטן איז ר' צבי אָפגעפירט געוואָרן אין שפיטאָל, און פון די אונטערזוכונגען און בילדער וואָס די דאָקטוירים האָבן דורכגעפירט, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז ער ליידט פון אַן אינערליכע בלוטונג ('אינטוירנעל בלידינג') אין קאָפּ און שווערע וואונדן אין האַלדז רח"ל. זיי האָבן געזאָגט אַז אין די קומענדיגע חדשים וועט ער מוזן אַריבערגיין עטליכע אָפּעראַציעס.

פסח ביינאַכט, איז ר' צבי געזעסן מיט זיינע בני בית אין זיין צימער אין שפיטאָל, און האָבן דאָרט געפראַוועט אַ 'סדר' כהלכתו, 'ככל משפטיו וחוקותיו'. אינמיטן אָפּריכטן דער סדר, איז דער דאָקטאָר אַריינגעקומען אין צימער, און ער האָט זיי 'געכאַפּט ביי דער מעשה', ווי זיי פירן אַ 'סדר' און עסן מצה און מרור, און מ'טרינקט די פיר כוסות... דער דאָקטאָר האָט איהם אָנגעקוקט ווי איינעם וואָס איז אַראָפּ פון זינען ל"ע, און ער האָט איהם אָנגעשריגן: 'מאָרגן דאַרפסטו אַדורכגיין אַן אָפּעראַציע, ווי אַזוי וואַגט איר יעצט צו עסן (פאַר אַן אָפּעראַציע, דאַרף דער פאַציענט פאַסטן). אויב איר וועט יעצט עסן, וועלן מיר דאַרפן אָפּלייגן די אָפּעראַציע, וואָס איז פאַר דיר ממש אין גדר פון 'פיקוח נפש'. ר' צבי האָט אָבער, מיט זיין אמונה, פאַרגעזעצט דעם סדר, ווי איינער וואָס זיצט ביי זיך אינדערהיים אָן קיין שום וואונדן אין מוח און אין האַלדז... און וואונדער איבער וואונדער: ווען מ'האָט איהם צומאָרגנס גענומען פאַר אַן 'עקסרעי', האָבן די בילדער געוויזן אַז זיין מוח און דער גאַנצער גוף זענען ב"ה 'ריין', און מ'האָט איהם באַפרייט פון שפיטאָל...

זעהען מיר דאָך קלאָר אויך פון די מעשה, אַז די מצה איז טאַקע דער ריכטיגער 'מיכלא דאסוותא', און ווי ווייט עס דערגרייכט דער כח הרפואה פון די מצה, אַז ר' צבי איז ב"ה אַרויס פון אַ טויט געפאַר לחיים טובים בבריאות השלימה.

**נה.** איין יאָר פסח ביינאַכט, פאַר'ן עסן דעם כזית מצה, האָט דער הייליגער קדושת לוי זי"ע אויסגעשריגן מיט בענקשאַפט: "רבונו של עולם, אָדער דו אין מיר אַריין, אָדער איך אין דיר אַריין"...

עס איז באַקאַנט, אַז דער ווִיזשניצער רבי, הרה"ק בעל "אמרי חיים" זי"ע, האָט אַ גאַנץ יאָר געטרעדט וועגן עסן די מצה. יעדעס יאָר פאַר'ן יום טוב פסח, איז ער געפאָרן קיין מירון צום הייליגן ציון פונעם תנא האלקי רבי שמעון בן יוחאי, און ער האָט דאָרט מתפלל געווען אַז ער זאָל זוכה זיין צו עסן דעם כזית מצה מיט'ן ריכטיגן דעת, און אַוודאי בשעת'ן עסן די מצה גופא, האָט זיין הייליג געזיכט געפלאַקערט ווי אַ פלאַם פייער מיט אַ הייליגן התלהבות וואָס מ'קען גאָרנישט שילדערן. "אשרי עין ראתה זאת".

דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע, האָט אַ גאַנץ יאָר זייער ווייניג געגעסן. די רעביצין פלעגט איהם שטענדיג שטאַרק איינבעטן ער זאָל עסן, זאָגנדיג, "איך האָב דיר צוגעגרייט אַ גוטן מאכל, און דו פאַרזוכסט נישט דערפון"... ער פלעגט אָבער זאָגן, אַז אַזעלכע מאכלים "אַדזשען מיר" (דאָס הייסט, איך שפירט נישט אין זיי קיין שום טעם, נאָר פאַרקערט). ווען ס'איז אָבער געקומען די סדר-נאַכט פון פסח, נאָכ'ן זאָגן די הגדה מיט גרויס השתפכות כדרכו בקודש, האָט ער געגעסן די מצה בתיאבון, מיט די גרעסטע הידורים. ביי די רעביצין אין די אויגן, האָט דאָס אויסגעזעהן ווי אַ "רעבעתנות" חלילה, און זי האָט איהם געפרעגט בדרך כבוד, "צי דען ביזטו געוואָרן אַ בעל תאווה'ניק?". האָט דער "בית אברהם" געענטפערט:

**- אַ גאַנץ יאָר, ווען איך שפיר נישט קיין טעם אין עסן, בעט מען מיך איך זאָל עסן, אָבער איינמאָל אַ יאָר, ווען איך שפיר שוין יאָ אַ טעם אין עסן, זאָגט מען אויף מיר אַז כ'בין אַ 'בעל תאווה'ניק'... וויסן זאָלט איר אָבער, אַז דאָס איז טאַקע דער אמת, אַז דער מענטש וואָס האַלט זיך איין במשך פון גאַנצן יאָר פון אַנדערע תאוות, איז זוכה צו אַ גרויסע תאווה ביים עסן די מצה...**

**באמת**, אָבער, האָט די תורה געזאָגט די מצוה פון "בערב תאכלו מצות" נישט נאָר פאַר צדיקים אויך פאַר אונז פּשוט'ע מענטשן, ווייל מיר ווייסן דאָך אַז "אין הקדוש ברוך הוא בא בטרוניא עם בריותיו", צו זאָגן אַז נאָר אויב ער האָט געמאַכט די ריכטיגע הכנה דערצו, ווערט די מצוה גערעכנט ווי אַ געהעריגע מצוה, נאָר יעדער איינער דאַרף זיך צוגרייטן לויט זיינע כוחות און השגות.

**דער** של"ה הקדוש שרייבט (מסכת פסחים, נר מצוה, אות לט) אַז חסידים ואנשי מעשה פלעגן קושן די מצה ווען זיי האָבן עס אויפגעהויבן אין דער סדר-נאַכט פון פסח[נו].

די ערשטע כוונה וואָס מ'דאַרף אין זינען האָבן ביים עסן די מצה, איז אַז ער אויבערשטער האָט אונז באַפוילן די מצוה פון "בערב תאכלו מצות" (שמות יב, יח), און עס איז אַ זכר ליציאת מצרים, ווי דער פסוק זאָגט (פסוק לט) "ויאפו את הבצק אשר הוציאו ממצרים, עוגות מצות כי לא חמץ, כי גרשו ממצרים ולא יכלו להתמהמה, וגם צידה לא עשו להם". און מ'דאַרף זיין זייער געהיטן נישט צו עסן עס "כמצות אנשים מלומדה", און מיט אַ געוואוינהייט ווייל אַזוי האָבן אונזערע עלטערן געגעסן ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, און נאָך זיי האָבן אידן אין אַלע דורות זיך אַזוי געפירט, ממצרים ועד הנה... נאָר מ'זאָל אין זינען האָבן צו טוהן דעם רצון פון באַשעפער ברוך הוא, און צו געדענקען דורכ'ן עסן די מצה, די ניסים וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט אונז ווען ער האָט אונז אַרויסגענומען פון מצרים.

**וואונדערליבע** ווערטער, שרייבט דער "רוקח" (הלכות פסח, אות רצא), אַז דער וואָס עסט מצות אין די זיבן טעג פון יום טוב בהלכתן, ווערט אַ שותף מיט דעם אויבערשטען אין מעשה בראשית. ער ברענגט אַ ראיה דערצו פונעם פסוק (שמות יג, ז) "מצות יאכל את שבעת הימים". דער פסוק זאָגט נישט "שבעת ימים", נאָר "הימים", מיט אַ 'ה"א הידיעה', אונז צו לערנען אַז מ'ווערט ממש אַ שותף אין דער בריאה פון די שבעת ימי הבריאה - די זיבן טעג פון בריאת העולם.

**ונצעק אל ה' - אויסצונוצן דעם שעת הכושר ווען אַלע טויערן זענען אָפען**

**דער** מהרי"ל (הלכות ההגדה) ברענגט אַ טעם פאַרוואָס מ'נעמט אַן איי ביי דער סדר-נאַכט, ווייל אויף די אַרמ'ישע שפּראַך הייסט אַן איי, "ביעא", וואָס איז פון אויך פון לשון תפילה [ווי דער תרגום אונקלוס טייטש די ווערטער "בחרבי ובקשתי" (בראשית מח, כב), "בצלותי ובבעותי"]. עס איז מרמז אַז "דבעא רחמנא בן ופרקינן", דער אויבערשטער האָט געגליסט אין אונז און ער האָט אונז אויסגעלייזט פון גלות מצרים. דאָס איי דערמאָנט דעריבער דעם מענטש אויסצונוצן דעם שעת הכושר פון די סדר-נאַכט און בעטן דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה, ער זאָל איהם אויסלייזן פון אַלע זיינע צרות.

**פסח** ביינאַכט ביים סדר, איז דער זמן מסוגל צו בעטן אויף אַלעם וואָס מ'דאַרף האָבן, בני חיי ומזוני, ווייל דער אויבערשטער קומט דעמאָלט אַראָפּ מיט די גאַנצע פמליא של מעלה און ער קוקט זיך אום אויף יעדן איד און אויף זיין עבודה, און עס ווערט דעמאָלט נתעורר די ליבשאַפט פונעם גרויסן פאָטער אין הימל צו זיינע טייערע קינדער. אַלע טויערן פון רחמים זענען דאַן אָפען, און דעריבער, אויב דער מענטש איז דעמאָלט מתפלל ווי עס דאַרף צו זיין, הערט דער אויבערשטער זיין תפילה[נז] און ערפילט אַלע זיינע בקשות לטובה ולברכה[נח].

---

**נו.** עס ווערט געברענגט אין ספר "בארת המים" (ליום א' של פסח) אַז הרה"ק רבי ר' הירש ז"ע פון רימנוב האָט געזאָגט, **אַז אויב ער וואָלט נישט חושש געווען פאַר'ן המון עם** (אַז זיי וועלן אָפּשפּעטן פון איהם) **וואָלט ער גענומען די מצה אין שול, און ער וואָלט געמאַכט "נענועים", אַזוי ווי מ'מאַכט מיט'ן לולב און מיט'ן אתרוג...**

**נז.** זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דאָס מיינט נישט אַז מ'דאַרף פאַרוואַנדלען די סדר-נאַכט אין אַן "עצרת זעקה"... נאָר די כוונה איז, אַז אַלע תפילות און בקשות זאָלן געזאָגט ווערן מתוך שמחה, און מיט אַ הודאה צום באַשעפער, "עד הנה עזרונו רחמים, ואל תטשנו ה' אלוקינו לנצח".

**נח.** אַ תפילה פון האַרצן טיפן ווערט אָנגענומען אין די העכסטע הימלען, ווי צדיקים האָבן געטייטשט דעם פסוק (שמות ב, כג) "ותעל שוועתם אל האלוקים", **אַז זיי האָבן געשריגן פון די טיפענישן פון האַרץ, און וועגן דעם**

**דער** "דרכי משה" (סי' תעג, סק"ב) זאָגט אַ טעם פאַרוואָס מען וואַשט זיך די הענט איידער מ'עסט "כרפס", ווייל דער סיפור פון די הגדה איז אַזוי ווי תפילה, וואָס מיר דערציילן די לויב פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, דעריבער דאַרף מען זיך וואַשן די הענט. קומט אויס, אַז דאָס עצם זאָגן דעם נוסח פון די הגדה איז אין דער בחינה פון אַ תפילה, און ממילא, קען מען דעמאָלט אויס'פועל'ן אַלעס וואָס מ'דאַרף האָבן.

**ספּעציעל** איז עס אַ זמן צו בעטן אויף פּרנסה, אַז דער אויבערשטער זאָל צושטעלן אַלעס וואָס ער דאַרף, פאַר איהם און פאַר אַלע אידן.

**באמת,** איז גאַנץ יום טוב פּסח דער זמן מסוגל צו בעטן אויף פּרנסה, ווייל חז"ל זאָגן (ר"ה טז.) "בפסח נידונין על התבואה". אין יום טוב פּסח, ווערט די וועלט גע'משפט וויפיל תבואות עס זאָלן וואַקסן אין קומענדיגן יאָר, און צו עס זאָלן זיין גוטע תבואות, איז עס דאָך אַ זמן צו בעטן אויף אַ שפע פון פּרנסה.

**הרה"ק** רבי מענדעלע קאָסוב'ער זי"ע זאָגט, אין ספה"ק "אהבת שלום" (ר"ה, ד"ה "והוכיח") אויפ'ן פּסוק "והוכיח אברהם את אבימלך על אודות באר המים אשר גזלו עבדי אבימלך" (בראשית כא, כה). **אברהם** איז דער צדיק, ער ווענדט זיך צום אויבערשטען בביכול, וואָס איז מרומז אין וואָרט "אבי-מלך", און ער טענה'ט זיך אויס פאַר דעם אויבערשטען בביכול, אַז די "עבדי אבימלך" - די מקטרגים און משטינים רח"ל - האָבן "צוגע'גז'ל" דעם "באר המים", דאָס זענען די השפעות טובות, אַז אידישע קינדער זאָלן נישט האָבן שפע וויפיל זיי דאַרפן האָבן.

**זאָגט** דער פּסוק ווייטער: "ויאמר אבימלך", זאָגט דער אויבערשטער צו דעם צדיק, "לא ידעתי מי עשה את הדבר הזה", איך האָב כביכול נישט געוואוסט ווער עס האָט דאָס געטוהן. וגם אתה לא "הגדת" לי, בשעת'ן זאָגן די "הגדה" פּסח ביינאַכט, האָסטו מיר אינגאַנצן נישט אַפילו מרמז געווען וועגן דעם, און דו האָסט דעמאָלס בכלל נישט געבעטן אויף פּרנסה. "וגם אנכי" - און אויך אין יום טוב שבועות, ווען מ'לייענט די פּרשה פון קבלת התורה, "אנכי" ה' אלקיך, האָב איך אויך נישט געהערט פון דיר אַז דו זאָלסט בעטן אויף דעם. "בלתי היום", נאָר ראש השנה, וואָס ווערט אָנגערופן "היום" (ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש), נאָר דעמאָלס בעט מען אויף פּרנסה, און דערפאַר פעלט זיי פּרנסה, ווייל זיי נוצן נישט אויס די אַנדערע געהויבענע זמנים צו בעטן אויף פּרנסה.

**עס** ווערט געברענגט אַ רמז צו בעטן אויף פּרנסה פּסח ביינאַכט ביים סדר, ווייל די גמרא זאָגט (עירובין יח:) אַז די יונה האָט געבעטן, "יהיו מזונותי מרורין כזית". עס איז מרמז, אַז מ'דאַרף בעטן אויף "מזונות" (פּרנסה) דעמאָלס ווען מ'עסט "מרורין כזית" - דעם כזית מרור, פּסח ביינאַכט.

**ספּעציעל** איז מסוגל צו בעטן ביים אויבערשטען אַלעס וואָס מ'דאַרף האָבן, ווען מ'זאָגט דאָס שטיקל "ונצעק אל ה'"נט, ווי עס ווערט געברענגט אין די

---

**האָט זייער תפילה אויפגעריסן אַלע מחיצות און טויערן אין הימל.** זי האָבן אַפילו נישט געדאַרפט אָנקומען צו די הילף פון די מלאכים אַז זיי זאָלן אַרויפברענגען זייערע תפילות פאַר'ן הייליגן באַשעפער, ווייל **אַ תפילה פון טיפן האַרצן שטופּט אַוועק אַלע מקטריגים און משטינים.** זייערע מיילער ווערן פאַרשטאָפּט און זיי קענען נישט שטערן די תפילה אַרויפצוקומען פאַר דעם אויבערשטען.

**נט.** הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע זאָגט ("פרי צדיק", ויצא) אויף דעם וואָס פּסח ביינאַכט, "מתחיל בגנות ומסיים בשבח", מ'פאַנגט אָן מיט דעם "גנות" פון "ארמי אובד אבי", און מ'פירט אויס מיט א שבח צו דעם אויבערשטען אַז ער האָט אונז אַרויסגענומען פון גלות מצרים.

זאָגט הרה"ק רבי צדוק, דער מדרש זאָגט (תנחומא, ריש פרשת תבא) רבי אבהו האָט געזאָגט אין נאָמען פון רבי יוסי בר חנינא, בא וראה - קום און זעה ווי די מענטשן וואָס זענען מקיים די מצוות פון דעם אויבערשטען, האָבן פאַר איהם אַ "פתחון פה". ווען אַ מענטש האָט אַ פּראָבלעם מיט די מלוכה, דאַרף ער אָפט מאָל אויסגעבן אַ סאַך געלט כדי ער זאָל קענען צוקומען צום קעניג צו שתדל'ען ביי איהם וועגן דעם, און ווען ער קומט שוין אַריין אין קעניגליכן פּאַלאַץ און טרעפט זיך מיט'ן קעניג, איז אַ ספק אויב דער קעניג וועט נאָכגעבן זיין בקשה, אָדער נישט, אָבער דער אויבערשטער איז אַנדערש. אַ מענטש גייט אַראָפּ אין זיין פעלד, ער זעהט אַ שטרענגל מיט טרויבן

"רשימות" וואס עס האט געשריבן א ליובאוויטשער חסיד, וואס ער האט געהערט פון זיין רבי'ן, הרה"ק

---

וואס האבן געצייטיגט, א פייג וואס האט געצייטיגט, א מילגרוים וואס האט געצייטיגט, נעמט ער דאס, און ער לייגט עס אריין אין א קארב און ער גייט ארויף דערמיט קיין ירושלים. דארט שטעלט ער זיך אוועק אינמיטן פון די עזרה, און ער בעט רחמים פאר זיך, און פאר אלע אידן, און פאר ארץ ישראל, ווי דער פסוק זאגט "השקיפה ממעון קדשך" וגו'. און נאך מער: ער האט אויך געזאגט, "איני זז מכאן, עד שתעשה צרכי היום הזה" - איך וועל זיך נישט אוועקרירן פון דא, ביז דו וועסט מיר נאכגעבן מיינע פארלאנגען (אזוי ווי חוני המעגל האט געזאגט אין זיין צייט).

זאגט דער פסוק ווייטער: "היום הזה ה' אלקיך מצוך לעשות... זאגט רבי חייא בר אבא, קום און זעה ווי די מענטשן וואס זענען מקיים די מצוות זענען גרויס ביי דעם אויבערשטען, ער גיט ארויס א גזירה און די צדיקים זענען מבטל די גזירה, ווי דער פסוק זאגט (קהלת ח, ד) "באשר דבר מלך שלטון, ומי יאמר לו מה תעשה". זאגט דער מדרש, ווער איז דאס דער מענטש וואס קען זאגן דעם אויבערשטען וואס ער זאל טוהן? "שומר מצוה לא ידע דבר רע" (שם פסוק ה). "זה ממחה על ידו של הקדוש ברוך הוא", דער מענטש וואס איז מקיים א מצוה, איז בכח "מוחה" צו זיין אז דער אויבערשטער כביכול זאל דארפן בטל מאכן די גזירה, עכ"ל המדרש.

זאגט הרה"ק רבי צדוק, אז דאס איז מען מרמז פאר דעם מענטש פסח ביינאכט, אז כאטש מיר האבן נישט היינט די מצוה פון ביכורים, אבער **דעם כח פון די מענטשן וואס האבן געברענגט די ביכורים אין בית המקדש, צו "זאגן" פאר דעם אויבערשטען כביכול וואס צו טוהן, האבן מיר יא...** ווייל פסח ביינאכט זענען מיר אזוי ווי חוני המעגל בשעתו, וואס האט זיך "אויסגעשמועסט" מיט'ן אויבערשטען כביכול, "כבן המתחטא לפני אביו", ווייל יעצט זיצט דאך יעדער איד ביים טיש פון דעם גרויסן טאטן אין הימל, און **יעדער איד איז בכח צו זאגן צו דעם אויבערשטען: "איך וועל זיך נישט אוועקרירן פון דא ביז דו וועסט מיר געבן אלע גוטע השפעות אין דעם הייליגן טאג פון יום טוב פסח", און אזוי קען ער בטל מאכן אלע שלעכטע גזירות.**

עז איז באקאנט די מעשה, וואס דער הייליגער "שרף" זי"ע פון מאגלניצא, האט דערציילט א מעשה נורא וואס האט פאסירט ביים הייליגן אפטער רב, בעל "אוהב ישראל" זי"ע.

אין יענע צייטן, האבן אידן געהאט אויסצושטיין צרות פון זייערע פריצים, ביי וועמען אידן פלעגן ארויסדינגען די קרעטשמעס. האט פאסירט א מעשה מיט א אידישן קרעטשמער, וואס האט נישט געהאט צו באצאלן די ראטע פאר דער קרעטשמע. האט דער פריץ איהם גערופן צו זיך פאר שבת הגדול, און איהם אנגעווארענט, אז אויב ער וועט נישט באצאלן פאר דער קרעטשמע, וועט ער באשטראפן איהם און זיין משפחה.

איז דער איד געפארן צום אפטער רב, אבער מ'האט איהם נישט אריינגעלאזט פאר שבת צום אפטער רב. האט דער איד באשלאסן צו בלייבן דארט אויף שבת. ער איז דארט געשלאפן אויף א באנק, און געגעסן ביים רבינ'ס טיש, טראכטנדיג אריינצוגיין מוצאי שבת זיך אויסרעדן דאס הארץ פאר'ן רבי'ן.

פון דער דרשה וואס דער אפטער רב האט געזאגט שבת הגדול, איז א העלפט דערפון געווען א פלפול, און די צווייטע העלפט האט דער אפטער רב געזאגט דברי אגדה און מוסר. צווישן אנדערע, האט דער אפטער רב געזאגט ווי פאלגענד:

- **אויב א איד שרייט אין דער נאכט פון פסח, ביים זאגן אין די הגדה "ונצעק אל ה' אלקי אבותינו"... איז דא א איד וואס ער דארף געהאלפן ווערן מיט קינדער, אויב ער שרייט ביי "ונצעק", וועט דער אויבערשטער איהם גלייך העלפן מיט קינדער. אויב ער דארף געהאלפן ווערן מיט געזונט, און ער שרייט זיך אויס ביי "ונצעק", ווערט ער געהאלפן! אויב א איד דארף געהאלפן ווערן מיט פרנסה - "מזוני" - איז אויב ער וועט שרייען ביי דעם שטיקל פון "ונצעק", וועט ער געהאלפן ווערן!**

דא האט דער אפטער רב צוגעלייגט:

- למשל, אויב א פריץ וויל ארויסווארפן דעם קרעטשמער ווייל ער האט נישט צו באצאלן פאר די קרעטשמע, זאל ער וויסן, אז ביים שרייען "ונצעק", קען ער געהאלפן ווערן!

מוצאי שבת, איז דער איד אהיים געפארן, אן זיך צו געזעגענען פונעם אפטער רב, ווייל ער האט דאך שוין געהערט דעם ענטפער ביי די דרשה וואס דער אפטער רב האט געזאגט שבת הגדול, אז אויב מען שרייט זיך גוט אויס ביי די ווערטער "ונצעק אל ה' אלקי אבותינו", ווערט מען געהאלפן.

ווען דער קרעטשמער איז אַהיים געקומען, האָט זיין ווייב איהם געפרעגט וואָס דער רבי האָט געזאָגט, און דער מאַן האָט איר געענטפערט, וואָס דער רבי האָט געזאָגט וועגן שרייען ביים זאָגן "ונצעק". זיי האָבן באַשלאָסן אַזוי צו טוהן.

ווען עס איז געקומען די נאַכט פון פסח, ביים זאָגן די הגדה, האָט דער קרעטשמער זיך צעשריגן מיט זיין ווייב ביי די ווערטער "ונצעק אל ה' אלקי אבותינו".

גלייך דערנאָך האָבן דער קרעטשמער און זיין ווייב געהערט קלאַפן. אַ שיכור'ער גוי האָט געקלאַפּט אויף די טיר, און דערציילט פאַר דעם אידישן קרעטשמער, אַז ער האָט זיך צוקריגט מיט זיין פרוי און ער האָט איר גע'הרג'עט... ער מוז דעריבער זאָפאָרט אַנטלויפן פון דאַנעט. ער האָט ביי זיך צוויי פעסער מיט גאָלדענע רענדלעך, וואָס איז געוועזן זיין גאַנץ פאַרמעגן, און ער וויל עס דאָ איבערלאָזן, ווייל פאַר די גוים קען ער דאָך נישט געטרויען צו באַהאַלטן ביי זיי דאָס געלט, נאָר דעם אידישן קרעטשמער. דערפאַר בעט ער איהם, ער זאָל זיין פאַר איהם אַ שומר אויפ'ן געלט. אַלס שומר שכר, שענקט ער איהם אַוועק איין פאַס מיט גאָלדענע רענדלעך, און דעם צווייטן זאָל ער האַלטן פאַר איהם, ווען ער וועט צוריקקומען אַהער...

באַלד נאָך די ערשטע טעג יום טוב, איז דער קרעטשמער געגאַנגען צום פריץ באַצאָלן דעם חוב פון די קרעטשמע, און עס איז איהם נאָך איבערגעבליבן אין זיין אייגענעם פאַס, גאָר אַ גרויסער סכום געלט. ער האָט זיך געלאָזט אויפנייען נייע קליידער, געקויפט אַ נייעם פערד און וואָגן, און איז אַריבערגעפאָרן צום אַפּטער רב.

אַריינקומענדיג צום אַפּטער רב, האָט דער משמש איהם - זעלבסט פאַרשטענדליך - נישט דערקענט. זעהענדיג פאַר זיך אַ רייכן איד, האָט ער איהם באַלד אַריינגעלאָזט צום אַפּטער רב... אַריינקומענדיג צום אַפּטער רב, האָט דער קרעטשמער אַראָפּגעלייגט אַ שיינעם סכום געלט אויפ'ן טיש, זאָגענדיג, אַז ער וויל באַצאָלן דעם רבי'ן פאַר דעם "מופת" וואָס ער האָט איהם געפּראַוועט דעם יום טוב פסח. האָט דער אַפּטער רב געזאָגט:

- דו האָסט נישט וואָס מיר צו דאַנקען פאַר דעם נס, ווייל **דו אַליין האָסט ממשיך געווען אויף זיך די ישועה ווען דו האָסט געשריגן ביי "ונצעק"...**

אזוי זענען ב"ה הונדערטע און טויזענטער מעשיות, פון אידן וועלכע זענען געהאָלפן געוואָרן, דורך דעם וואָס זיי האָבן באמת אויסגענוצט דעם "ונצעק" ביים ליל הסדר. מיר וועלן נישט אויסרעכענען אַלע פון זיי, ווייל ס'איז פשוט צופיל, אבער איינס פון זיי איז געווען מיט אַ אינגערמאַן פון ירושלים, וואָס האָט נישט געהאַט קיין קינדער צען יאָר נאָך די חתונה. איין יאָר האָט ער געזאָגט פאַר זיינע בני בית, אַז האַיאָר וויל ער פראַווען דעם סדר אַליין מיט איר. זאָגט אונז דער אינגערמאַן, "יענעם יאָר בין איך, ברוך ה', געהאָלפן געוואָרן"! (ס'איז זיכער נישט געזאָגט געוואָרן אלס אַן 'הלכה' פאר יעדעם איינעם, זיך אליינס איינצושפּאַרן ווען מען וויל געבן אַ געשריי צום אויבערשטן, ווייל דער עיקר תפילה איז, פון די פנימיות הלב, און די בוכ"ע איז זיכער מקבל יעדע תפילה לרחמים ולרצון).

עס האָט מיר דערציילט אַ יונגערמאַן וואָס קומט צו אונזער שיעור אין אלעד, אַז ער האָט געליטן יסורים אויפ'ן פוס ל"ע, און ער האָט גענומען איינשפּריצונגען, וואָס האָבן איהם אויך פאַרשאַפן גרויסע יסורים רח"ל. פסח ביינאַכט, ווען מ'האָט געהאַלטן ביי "ונצעק", איז ער אַריינגעלאָפן אין אַ זייטיגן צימער, און ער האָט זיך אויסגעוויינט דאָס האַרץ, "רבונו של עולם, וואָס וועט זיין דער סוף?"...

דערציילט ער מיר, אַז מוצאי יום טוב איז ער געגאַנגען נעמען נאָך אַן איינשפּריץ, און זינט דאַן, האָט ער ב"ה מער נישט געדאַרפט נעמען אַפילו איין איינשפּריץ!

עס האָט דערציילט דער לאַסקער רב פון באָראָ פּאַרק, הגה"צ רבי יוסף משה מייזליש שליט"א, וועלכער איז אַ שוואָגער פון הגה"צ אב"ד קראַסנא שליט"א, און ער ווילט יעדן זומער אין קראַסנער קעמפּ אין די קעטסקיל בערג. אינעם קעמפּ האָט זיך געפונען אַ בחור מיטן נאמען "מאָניש", וואָס איז שוין געווען 28 יאָר אַלט, און עס איז איהם געגאַנגען שווער מיט אַ שידוך. אויך האָט ער שוין געהאַט אַ ברודער פון 26 יאָר, און אויך ער האָט זיך געפּלאָגט צו געפינען אַ פּאַסיגן שידוך.

דערציילט מיר דער לאַסקער רב, אַז איינמאָל ווען ער איז אָנגעקומען אין קעמפּ אָנהויב זומער, זאָגט איהם זיין שוואָגער, דער קראַסנער רב: "מאָניש... איז אַ חתן געוואָרן!", און ער האָט געהייסן דעם חתן אליין ער זאָל דערציילן וואָס עס איז פאָרגעקומען דעם פאַראַנגענעם יום טוב פסח ביינאַכט, ביים סדר.

האָט "מאָניש" דערציילט, אַז אין דער נאַכט פון פסח, זיצענדיג ביים טאַטן'ס סדר, וואו אַלע קינדער זענען געקומען, די ברידער און די שוואָגערס, די שוועסטערס און די שוועגערינס, יעדער זיצט ביים טיש. דער בחור האָט

געהאַט אַ הגדה של פסח מיט עברי-טייטש, און ביי די ווערטער "ונצעק אל ה' אלקי אבותינו", איז געווען באַשריבן באריכות די באַקאַנטע מעשה מיט'ן מופת וואָס דער אַפּטער רב, הרה"ק בעל אוהב ישראל זי"ע האָט אויסגע'פועל'ט פאַר אַ פּשוט'ן קרעטשמער, דורך שרייען ביי "ונצעק".

האָט "מאָניש" דערציילט:

- לייענענדיג די מעשה אין מיין הגדה, האָב איך געבעטן אַלעמען אין מיין פאָטער'ס הויז, מ'זאָל זיין שטיל, און איך האָב אויסגעשריגן: "איך קען שוין נישט אויסהאַלטן! איך מוז אַ חתן ווערן! אַלזאָ, יעדער זאָל שרייען ביים זאָגן 'ונצעק'!".

- מיין מאמע האָט מיך פּראָבירט באַרואיגן, 'איך רעד דאָך מיט שדכנים, מ'טוט אין דעם עניין...'. אָבער איך האָב נישט געוואָלט הערן פון גאָרנישט, נאָר אַז אַלע וואָס זיצן דאָ ביים טיש, זאָלן זיך נעמען שרייען 'ונצעק - "מאָניש" מוז אַ ווערן אַ חתן!'. אַלזאָ, יעדער האָט זיך גענומען שרייען 'ונצעק - "מאָניש" קען שוין נישט אויסהאַלטן! ער מוז ווערן אַ חתן!".

- ווען מ'האָט געוואָלט זאָגן ווייטער די הגדה, האָב איך געזאָגט: 'ניין, וואָס וועט זיין מיט יאַנקעל?! ער איז טאַקע יונגער פון מיר, אָבער ער איז מוז דאָך אויך אַ חתן ווערן!... אַלזאָ, יעדער זאָל שרייען: 'יאַנקעל קען שוין נישט אויסהאַלטן! ער מוז אַ חתן ווערן!'. נו, האָבן אַלע טאַקע געשריגן 'ונצעק', אויך אַז יאַנקעל זאָל ווערן אַ חתן...

דערציילט דער לאַסקער רב, אַז אין דריטן טאָג חול המועד האָט מען גערעדט שידוכים פאַר ביידע ברידער, און די שידוך זענען געגאַנגען פיין, דער איינציגער "פּראָבלעם" איז געווען, אַז מ'האָט מורא געהאַט צו ענדיגן ביידע שידוכים אין איין טאָג, צוליב עין הרע (כ'ווייס נישט ווער עס גיט פאַר אַזעלכע מענטשן אַן "עין הרע"...), און ווען מ'האָט געפרעגט דעם וויזשניצער רבי'ן זי"ע פון מאָנסי, האָט ער געהייסן ענדיגן די שידוכים אין צוויי אַנדערע טעג. ביידע ברידער זענען געוואָרן חתנים חול המועד פסח - דער 28 יאָריגער בחור, און דער 26 יאָריגער בחור! און ביידע ברידער פירן ב"ה היינט שיינע שטובער.

[מיר האָבן שפּעטער געהערט אַ נייע וויכטיגע הוספה אויף די אויבן דערמאנטע מעשה, וואָס עס דערציילט דער לאַסקער רב שליט"א:

דער בחור "מאָניש", איז געוואָרן אַן איידעם ביי אַ איד אין לעיקוואוד, וועלכער האָט געהאַט נאָך אַ טאָכטער, וואָס איז שוין לאַנג געווען "אין די יאָרן", אָבער עס איז געגאַנגען זייער שווער מיט אַ שידוך. דעם ערשטן פּסח ביינאַכט, נאָך די חתונה, האָט מאניש דערציילט ביים שווער אין שטוב, די מעשה וואָס ער אַליין האָט געהאַט אַ יאָר פריער ביים שרייען "ונצעק", און ווי ער און זיין ברודער, יאַנקעל, זענען אַריין בברית האירוסין חול המועד. דעריבער, איז זיין עצה - האָט מאַניש געזאָגט - אַז אויך יעצט זאָל מען טוהן דאָס זעלבע, מ'זאָל שרייען ביי "ונצעק", כדי זיין שוועגערין זאָל ווערן אַ כלה אין אַ מזל'דיגע שעה.

האָט די שוויגער, די מוטער פון דאָס עלטערע מיידל, זיך "אונטערגעשמייכעלט", ווי איינער זאָגט, "ער ווייסט נישט וואָס ער רעדט"... אָבער מאניש האָט נישט מוותר געווען, און אויך זיין פרוי, האָט געזאָגט אַז זי וויל שרייען ביי "ונצעק", כדי איר שוועסטער זאָל ווערן אַ כלה... אויך דאָס מיידל האָט געזאָגט אַז זי וועט שרייען ביי "ונצעק"... זיי האָבן אַזוי געטוהן, אַלע האָבן געשריגן ביי "ונצעק", און דאָס מיידל איז בשעה טובה געוואָרן אַ כלה ביז אַ קורצע צייט.]

**לדידן יאמר, די אַלע "חכמים" וואָס האלטן זיך פאַר קלוגע מענטשן, אויב זיי זאָלן זיך מאַכן אַזוי ווי "מאָניש" ביי זייער תפילה, און זיי וועלן שרייען צו דעם אויבערשטען אַזוי ווי מאָניש וואָס האָט נישט געוואוסט פון "חכמות", נאָר ער האָט מתפלל געווען צו דעם אויבערשטען מיט פשטות און תמימות, און ער האָט טאַקע זוכה געווען צו שפּאַלטן די טויערן פון הימל מיט זיין תפילה, וועלן מיר אויך געהאָלפן ווערן און אויפרייסן אַלע מחיצות אין הימל.**

ווען בחורים פון חוץ לארץ, פלעגן זיך געזעגענען פאַר יום טוב פסח פונעם גערער רבי'ן, הרה"ק בעל "לב שמחה" זצ"ל, איידער זיי זענען אַהיים געפאָרן אויף יום טוב, פלעגט דער "לב שמחה" זאָגן שאַרף: "אָהַ, די קשיא פרעגערס...". ווען אַן עלטערער בחור פלעגט זיך געזעגענען, פלעגט דער "לב שמחה" זאָגן:

- אין דער סדר-נאַכט, פרעגט דאָך דער זון קשיות פאַר זיין טאַטן. פרעג, אַלזאָ, דיין טאַטן אין דער סדר נאַכט, פאַרוואָס דו ווערסט נישט אַ חתן...

רבי יוסף יצחק מליובאַוויטש זי"ע, ביי דער סדר-נאַכט, אַז ער האָט געזאָגט: די וועלט מאַכט אַ טעות, מ'מיינט אַז דאָס וואָס מיר זענען אַנדערש ווי דער דור וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, איז עס דערפאַר ווייל מיר האָבן נישט אַ "משה רבינו" ע"ה, אַזוי ווי זיי האָבן געהאַט, אונז אַרויסצונעמען פון אונזער "גלות מצרים" - יעדער איינער אויף זיין אייגענע בחינה פון "מצרים"...

**האָט** דער רבי ריי"ץ געזאָגט, דאָס איז אָבער נישט ריכטיג, ווייל אַלעס וואָס די אידן האָבן זוכה געווען דערצו אין מצרים, אַז דער אויבערשטער זאָל שיקן משה רבינו ע"ה זיי אויסצולייזן, איז דאָס אַלעס געווען נאָר אין זכות פון "ויזעקו" - ווייל זיי האָבן געשריגן צו דעם אויבערשטען! ממילא איז דאָס זעלבע היינטיגע צייטן. אויב מיר וועלן ריכטיג מקיים זיין דעם "ונצעק", מיר וועלן שרייען צום אויבערשטען, וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן פון אַלע פּראָבלעמען, און מיר וועלן אַפילו קענען אוים'פועל'ן אַז משיח צדקינו זאָל קומען במהרה בימינו, אויסלייזן אידישע קינדער פונעם לאַנגען גלות, אמן[ס].

---

ער האָט מסתמא געמיינט צו זאָגן, פסח ביינאַכט, זאָלסטו בעטן **ביים "טאַטן" אין הימל**, אַז דו זאָלסט שוין ווערן אַ חתן.

האָט מיר דערציילט דער מרא דעובדא אַליין, אַ געוועזענער יונגערמאַן, אַז אַלס בחור, זענען אין זייער הויז געווען עטליכע עלטערע בחורים: ער איז געווען אַ בחור פון דרייסיג יאָר, זיין יונגערער ברודער, איז געווען 27 יאָר אַלט, און נאָך אַ יונגערער ברודער - 25 יאָר. דערציילט ער, אַז ביים סדר, איידער מ'האָט געדאַרפט זאָגן "מה נשתנה", האָט זיין יונגערער ברודער, וועלכער איז געזעסן נאָך איהם, איהם געשטופּט און געזאָגט, "פרעג איהם (דעם טאַטן) יעצט...". האָט דער בחור אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, און געפרעגט "מה נשתנה", אַז עס האָט געהערשט אַ "חרדת אלקים" אין הויז עטליכע מינוט. נאָך צוויי מינוט, האָט די מאַמע זיך אויפגעשטעלט פון איר אָרט קעגנאיבער דעם טאַטן ביים טיש, און געשריגן:

- גענוג, ס'איז היינט יום טוב!

דערנאָך, האָט מען ממשיך געווען צו פירן דעם סדר מיט פרייליכע הערצער. נאָכ'ן סדר, האָט דער טאַטע געזאָגט צו זיינע זון, די דריי עלטערע בחורים:

- היינט איז דאָך פסח ביינאַכט, לאָמיר זאָגן תהלים, פון "תפלה למשה" ביז'ן סוף פון ספר תהלים!

זיי האָבן אַזוי געטוהן, און געזאָגט תהלים פון מזמור צ' ביז'ן סוף. דערציילט מיר דער יונגערמאַן, אַז ער איז געוואָרן אַ חתן בשעטומ"צ אין חודש אייר, און זיין יונגערער ברודער, איז געוואָרן אַ חתן אין חודש תמוז, און דער דריטער ברודער - אין חודש חשון!

**ס.** הרה"ק בעל "שפע חיים" מ'קלויזענבורג זי"ע, האָט געזאָגט, אַז דערפאַר ווערט נישט דערמאַנט דער נאָמען פון משה רבינו ע"ה אין די גאַנצע הגדה של פסח (נאָר איינמאָל, דרך אגב, "רבי יוסי הגלילי אומר מנין וכו' ויאמינו בה' ובמשה עבדו") אונז צו לערנען, אַז כדי זוכה צו זיין צו די גאולה שלימה, דאַרפן אידן נישט האָבן דווקא אַזאַ גרויסן און הייליגן מנהיג ווי משה רבינו, עס איז גענוג צעקה און תפילה צו דערנענטערן די גאולה, אַזוי ווי עס האָט גורם געווען די גאולה פון אידישע קינדער אין מצרים, ווי דער פסוק זאָגט (שמות ב, כג) "ותעל שועתם אל האלקים".

# שביעי של פסח

**ויאמינו בה' - שביעי של פסח איז מסוגל צו זוכה זיין צו אמונה אין באַשעפער**

**די** ספרים הקדושים רעדן אַרום באריכות די גרויסקייט פון דעם יום טוב שביעי של פסח, אַז ס'איז מסוגל זיך איינצוקויפן אין דעם טאָג, אמונה אינעם הייליגן באַשעפער[סא].

**אַזוי** ברענגט דער הייליגער רבי ר' מענדעלע זי"ע פון רימנוב, אין ספה"ק 'מנחם ציון' (סעודת ליל ח', אחרון של פסח), אַז ער האָט געהערט פון אַ גדול, איינע פון די תלמידים פון זיין רבי'ן, דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק זכר צדיק לברכה, וואָס ער האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון זיין רבי'ן, אַז די צייט וואָס איז מסוגל זוכה צו זיין צו אמונה שלימה, איז אין דער נאַכט פון שביעי של פסח. מ'זאָל זיך שטאַרקן זיך צו פאַרבינדן מיט'ן דעת און מחשבה אין די הייליגע צדיקים. דאָס איז אַ גרויסער תועלת און אַן אמת'דיגע סגולה, ווייל אין דעם טאָג שטייט (שמות יד, לא) 'ויאמינו בה' ובמשה עבדו'. זייער אמונה אין דעם אויבערשטען, איז צוגעענדיגט געוואָרן דורך זייער התקשרות אין משה רבינו ע"ה.

**נאָך** שרייבט ער, אַז אויך אַ מענטש וואָס איז אלעמאל מקיים מצוות און מעשים טובים, דאַרף האָבן אַ 'קליין שטריקל' זיך אָנצוהענגען אויף אַ גרויסן בוים, כדי ער זאָל נישט אַראָפפאַלן פון זיין מדריגה. דאָס 'קליינע שטריקל' איז אמונה שלימה'. און אויף דעם האָט דוד המלך ע"ה מתפלל געווען (תהלים ל, ז) 'ואני אמרתי בשלוי בל אמוט לעולם'. אַז פון ווען ער וואַקסט אויף יונגערהייט, ביז די עלטערע יאָרן, זאָל ער אייביג בלייבן ביי די זעלבע הויכע מדריגה. צוליב דעם דאַרף זיך יעדער אנשטרענגען מיט אַלע כוחות אז נאך איידער ער פאַלט אַראָפּ, זאל ער זיין אָנגעהאנגען אויף אַ גרויסן בוים, אַפילו מיט אַ 'קליין שטריקל', כדי צו אלעמאל קענען אַרויפגיין אויפ'ן באַרג פון דעם אויבערשטען. קומט אויס, אַז אמונה איז די כלי אָנצוהאַלטן אַלע מדריגות אין עבודת ה'[סב].

**ויושע ה' ביום ההוא - דער זמן איז מסוגל אויף ישועות**

**דער** הייליגער רבי פון לובלין זי"ע האָט געזאָגט (געברענגט אין סוף ספר 'נהר שלום', ע' פ"א, לנכדו הרה"ק רבי מאיר שלום מקאלושין זי"ע), אַז צוויי מאָל אַ יאָר - שביעי של פסח, און שבת שירה - ווערט ווידעראַמאָל נתעורר דער נס פון קריעת ים סוף, און אַלעס וואָס איז מרומז דערין (זיווגים, פרנסה, א.א.וו.).

**דאָס** איז מרומז אין לשון פונעם פסוק, 'אז ישיר משה ובני ישראל' וגו'. א"ז איז ראשי תיבות א'לף

---

**סא.** עס ווערט געברענגט אין ספר 'מנהגי מהרי"ל' (סדר תפילה, אות ה'), אַז עס זענען דאָ וואָס פירן זיך שביעי של פסח, צו זאָגן 'זמן **שמחתינו**', אין די תפילת שמונה עשרה (נישט 'זמן חרותינו', וואָס מ'זאָגט גאַנץ יום טוב פסח).

**סב.** מיר דאַרפן געדענקען, אַז אמונה ברענגט אויף אונז אַ שפע פון ניסים ונפלאות. דער גאַנצער נס פון קריעת ים סוף האָט פאַסירט אין זכות פון אמונה, אַזוי ווי חז"ל זאָגן (מכילתא, פ"ג) 'כדאי היא האמונה שהאמינו בי, שאקרע להם את הים' - ס'איז כדאי די אמונה וואָס די אידן האָבן געגלייבט אין מיר (זיי זענען נאָכגעגאַנגען נאָך משה רבינו ע"ה אין אַ מדבר, 'בארץ לא זרועה'), אַז איך זאָל שפאַלטן דעם ים פאַר זיי.

**דאָס איז דער גאַנצער תכלית פון יעדן איד אויף דער וועלט, צו גלייבן באמונה פשוטה אין דעם אויבערשטען**, ווי דער קאָצקער רבי זי"ע האָט געזאָגט, די אידן האָבן דאָך געזעהן ביים ים אַ וואונדערליכע התגלות, ווי חז"ל זאָגן, 'ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל בנבואתו'. די פשוט'ע דינסט האָט געזעהן אויף דעם ים, וואָס יחזקאל האָט נישט געזעהן אין זיין נבואה (מכילתא שירה, ג), און מיט דעם אַלעם, זענען זיי נאָך אַלץ נישט אָנגעקומען צו די אמת'ע הויכע מדריגה, ביז זיי האָבן געגלייבט באמת: 'ויאמינו בה' ובמשה עבדו'. אַלע חזיונות ('וירא ישראל את היד הגדולה') זענען נישט אַזוי חשוב ווי אמונה.

ז'יין. דער א' איז מרמז אויף שבת שירה, ווייל דעמאָלס לייענען מען אין דער תורה די פרשה פון קריעת ים סוף, און אל"ף איז פון לשון לערנען [אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (איוב לג, לג) 'ואאלפך חכמה']. דאָס מיינט, ווען מ'לייענט פרשת בשלח אין דער תורה, לויט'ן סדר פון די פרשיות פון יאָר. דער ז' איז מרמז אויף דעם זיבעטן טאָג פון יום טוב פסח, וואָס איז דער זמן ווען משה רבינו ע"ה און די אידן האָבן געזאָגט שירה פאַר דעם אויבערשטען.

**אין** אט די הייליגע זמנים, 'ישיר משה ובני ישראל' וגו', אַ לשון עתיד ('ישיר'), און לשון הוה. דאָס הייסט, יעדעס יאָר אין די דאָזיגע צוויי זמנים (שבת שירה, און שביעי של פסח), ווערט נתעורר פונדאָסניי דער ענין פון שירת הים, און משה און די אידן זינגען דעמאָלס פונדאָסניי שירה צו דעם אויבערשטען.

**דער** הייליגער לובלינער זי"ע גיט צו, אַז דאָס איז די כוונה פון חז"ל (שבת נא:) 'וכל בעלי השיר יוצאין בשיר ונמשכין בשיר ומזין עליהן וטובלין במקומן'. די 'בעלי השיר' זענען מרמז אויף משה, אהרן, און מרים, און דער גאַנצער 'דור דעה', דער דור המדבר. יעדעס יאָר אין די צוויי צייטן ווען אידן לייענען אין דער תורה די שירה, גייען זיי אַרויס פון גן עדן העליון מיט געזאַנג. 'ונמשכין בשיר' זיי ווערן צוגעצויגן צו דער וועלט מיט'ן געזאַנג פון די שירה. 'ומזין עליהן' - זיי זענען ממשיך השפעות און פרנסה אויף די אידן אויף דער וועלט, וואָס האָבן זיי ממשיך געווען אַראָפּצוקומען פון גן עדן מיט געזאַנג. 'וטובלין במקומן' - ווען זיי גייען צוריק צו זייער אָרט אין גן עדן, דאַרפן זיי האָבן טבילה אין 'נהר דינור'.

**יעדעס** יאָר שביעי של פסח, ווערט נתעורר דער נס פון קריעת ים סוף פאַר אידישע קינדער[סג], און די פילע רחמים וואָס ווערן נתעורר אין די טעג אויף אידישע קינדער[סד], קומען צוריק נתעורר צו ווערן אויך היינטיגע צייטן.

---

**סג.** הרה"ק רבי שלום בער זי"ע פון ליובאַוויטש, האָט אַמאָל שביעי של פסח געזאָגט צו זיין זון, הרה"ק רבי יוסף יצחק זי"ע: 'אויב דו וואָלסט געהערט אַז עטליכע מייל פון דאָ האָט דאָס וואַסער אינעם ים זיך געשפּאָלטן, וואָלסטו געלאָפן זעהן די גרויסע מראה?' דערנאָך האָט דער רבי רש"ב איהם געפרעגט, אויב דו וואָלסט געהערט אַז נישט ווייט פון דאָ, איז דער ים געשפּאָלטן געוואָרן, וואָלסטו געגאַנגען זעהן דעם נס? האָט דער ריי"ץ געענטפערט אַז יאָ, ער וואָלט געגאַנגען קוקן. האָט זיין טאַטע דער רש"ב איהם געזאָגט: **'וויסן זאָלסטו, אַז יעדעס יאָר שביעי של פסח ווערן די וואַסערן פון ים געשפּאָלטן בפועל ממש'...**

האָט רבי יוסף יצחק זיך 'פאַרענטפערט' פאַר זיין טאַטן, זאָגנדיג: 'וואָס קען מען טוהן אַז אַלע מענטשן פון דער וועלט זענען בלינד און טויב?' דאָס הייסט, מיר, מיט אונזערע גשמיות'דיגע חושים, זענען בכלל נישט מסוגל צו זעהן ווי דער ים שפּאַלט זיך, און ס'איז דעריבער אַ גאָר שווערע עבודה פאַר אונז, צו גלייבן אין דעם מיט אַן אמת. האָט הרה"ק הרש"ב ווייטער געזאָגט:

- דאָס האָב איך טאַקע געמיינט צו זאָגן, אַז די ניסים פון קריעת ים סוף טוהען זיך איבער'חזר'ן יעדעס יאָר. דער חסרון איז נאָר אינעם מענטש אַליין. **אויב ער וואָלט געהייליגט זיינע רמ"ח איברים און שס"ה גידים בשלימות, וואָלט ער זוכה געווען צו זעהן די מראה בפועל ממש.**

**סד.** אין זוהר הקדוש (ח"ב נב.) ווערט אַרומגערעדט באַריכות די גרויסע השפעות וואָס קומען אַראָפּ אויף דער וועלט ווען אידן לייענען די שירה. עס ווערט דעמאָלס אַן 'עת רצון' אין אַלע עולמות עליונים, עיי"ש.

אַוודאי פאַרשטייען מיר נישט די אַלע פאַרבאָרגענע סודות. **מיר זענען אָבער 'מאמינים בני מאמינים', אַז עס זענען דאָ גאָר הויכע בחינות און באַהאַלטענע זאַכן וואָס זענען העכער פון אונזער באַגרעניצטן שכל, און חז"ל האָבן אונז אַנטפּלעקט אַז די אַלע געהויבענע זאַכן ווערן נתעורר אין די ימים טובים.**

דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע, האָט אַמאָל פרייטאָג צו נאַכטס ביים טיש, וואָס ווערט אָנגערופן סעודת 'חקל תפוחין', געזאָגט מיט זיין גרויסע ענוות, אַז ער האָט נישט די זכי' צו פאַרשטיין דעם באַדייט פון 'חקל תפוחין קדישין'... 'אָבער איין זאַך ווייס איך יאָ, אַז מיין טאַטע (הרה"ק בעל 'דברי שמואל' זי"ע) האָט געפלאַמט ביים זאָגן די דאָזיגע ווערטער'. דעריבער פאַרשטיי איך, אַז אין די ווערטער איז באַהאַלטן אַ גרויסער אוצר, 'הנסתר רב מן הנגלה'.

**הרה"ק** רבי הירשעלע זידיטשויב'ער זי"ע, שרייבט אין זיין ספר 'עטרת צבי', אַז דעמאָלס ביי דעם נס פון קריעת ים סוף, איז געעפענט געוואָרן די ישועה פאַר אידן אין אַלע שפּעטערדיגע דורות, סיי פאַר'ן רבים, סיי פאַר דעם יחיד. סיי בכלל, און סיי בפרט. יעדער איינער, באַטש ס'זענען פאַרשטאָפּט די שערי שפע, פון פרנסה אָדער פון אַ זיווג ח"ו, [על דרך ווי די גמרא זאָגט (פסחים קיח.) 'קשין מזונותיו של אדם בקריעת ים סוף', און 'קשה לזווגן כקריעת ים סוף' (סוטה ב.)], זאָל ער בעטן אין דעם 'עת רצון' וואָס ווערט געעפנט אין דער צייט פון קריעת ים סוף... אַז פּונקט אַזוי ווי ס'איז געעפענט געוואָרן דעמאָלס ביי קריעת ים סוף, זאָל דער אויבערשטער אויך יעצט העלפן אידישע קינדער ווען זיי שרייען צו איהם, עכ"ל.

**הרה"ק** השר שלום מבעלזא זי"ע זאָגט, חז"ל זאָגן (שמו"ר פכ"א, ו) 'ויבקעו המים'. דער פסוק זאָגט נישט 'ויבקע הים', נאָר 'ויבקעו המים'. דאָס לערנט אונז, אַז אַלע וואַסערן וואָס זענען געווען אין אַלע קוואַלן און גריבער איבעראַל אויף דער וועלט, זענען דעמאָלס געשפּאָלטן געוואָרן.

**פאַרוואָס** האָט דער אויבערשטער אַזוי געטוהן? מיר האָבן דאָך אַ באַקאַנטן כלל (זעה דרשות הר"ן, דרוש ח) 'לא עביד קודשא בריך הוא ניסא למגנא'. דער אויבערשטער באַווייזט נישט ניסים אומזיסט.

**נאָר** וואָס דען, אידן האָבן זיך דעמאָלס געפונען אין אַ גרויסע צרה, און זיי האָבן נישט געוואוסט פון וואו עס וועט קומען דער נס. האָט דער אויבערשטער געעפענט דעם טויער פון הימל צו העלפן אידישע קינדער, און דאָס וואַסער האָט זיך געשפּאָלטן. דורך דעם ווערט געעפנט אַ טיר אַז יעדעס מאָל ווען אַ איד וועט זיך געפינען אין אַ צרה ח"ו, זאָל איהם זיין מעגליך אַרויסצוקומען דערפון.

**זאָגט** דער הייליגער בעלזער רב זי"ע, 'מים' איז מרמז אויף צרות און יסורים ל"ע, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים סט, ב) 'הושיעני אלוקים כי באו מים עד נפש'. ווען דער ים האָט זיך געשפּאָלטן שביעי של פסח, האָבן אויך אַלע וואַסערן איבער דער גאַנצער וועלט זיך געשפּאָלטן. דאָס לערנט אונז, אַז דער אויבערשטער האָט אַריינגעברענגט אין די טבע פון די בריאה, אַז די אידן זאָלן קענען אַרויסגיין פון אַלע ענגשאַפטן און צרות אין יעדן דור, ספּעציעל ביי די ענינים וואָס זענען צוגעגליכן צו קריעת ים סוף. צום ביישפּיל, דער זיווג פון אַ מענטש, פרנסה, קינדער און אַנדערע זאַכן, איז דער ענין פון קריעת ים סוף צו 'שפּאַלטן' דעם ים פון צרות, און אויס'פּועל'ן אַלע סאָרטן ישועות[סה].

**די** גמרא (פסחים קיח.) רעכנט אויס עטליכע זאַכן וואָס קומען אָן שווער פאַר דעם מענטש אַזוי ווי קריעת ים סוף. שרייבט דער רשב"ם, ווען דער אויבערשטער גיט פרנסה פאַר דעם מענטש, באַווייזט ער איהם אַ גרויסן נס, אַזוי ווי ער האָט געטוהן מיט די אידן, וואָס ער האָט געשפּאָלטן פאַר זיי דעם ים סוף. 'ונפקא מינה, למבעי רחמי' - די נפקא מינא דערפון איז, אַז מ'זאָל מרבה זיין בתפילה ובתחנונים געהאָלפן צו ווערן אין די ענינים.

**שביעי** של פסח, איז אָבער דער זמן זעלבסט מסוגל דערצו, ווי עס שטייט אין ספה"ק 'בני יששכר' (ניסן, מאמר יג, אות ב) אַז ער האָט געהערט פון זיין מחותן הרה"ק רבי הירשעלע זידיטשויב'ער זי"ע, דער היתר פון 'אוכל נפש' אין יום טוב ('אך אשר יאכל לכל נפש הוא

---

**סה.** דער מענטש דאַרף אָבער האָבן הכנעה פאַר דעם באַשעפער, ווי מיר געפינען אַז נאָר דעמאָלס ווען נחשון בן עמינדב האָט זיך געפונען אין אַ מצב פון אַ סכנה - ער איז געווען אין וואַסער ביז איבער זיין האַלדז - האָט ער אויסגעשריגן: 'הושיעני אלוקים כי באו מים עד נפש', און דער ים האָט זיך געשפּאָלטן. קומט אויס, אַז יעדער איינער וואָס נויטיגט זיך אין אַ ישועה אין די זאַכן וואָס זענען צוגעגליכן צו קריעת ים סוף - פרנסה, אָדער אַ זיווג. אויב ער וועט אָנקומען אין 'וואַסער' ביז איבער'ן האַלדז, און **ער וועט אויסשרייען פון די טיפענישן פון האַרץ, 'הושיעני אלוקים כי באו מים' וגו', וועט ער געהאָלפן ווערן מיט אַלע סאָרטן ישועות.** אָבער דער מענטש וואָס דרייט זיך אַרום 'מיט'ן נאָז אַרויף', ער האַלט זיך גרויס, איז ער דאָך נאָך 'מסודר'. עס איז נאָך נישט אַ בחינה פון 'באו מים עד נפש', ווי אַזוי קען ער געהאָלפן ווערן...

לבדו יעשה לכם' - שמות יב, טז), איז געשטעלט געוואָרן אין דער תורה, ביי די פרשה פון שביעי של פסח, און פון דאָ לערנט מען אַרויס אויף אַלע ימים טובים, דעם היתר פון 'צורך אוכל נפש'.

די דאָזיגע הלכה איז ספּעציעל געשריבן געוואָרן ביי דעם יום טוב פון שביעי של פסח, אונז צו לערנען אַז דער טאָג וואָס איז מסוגל צו דעם גרויסן נס פון קריעת ים סוף, וועט דער באַשעפער דעמאָלס גרינג באַפעלן אַז עס זאָל אַראָפּקומען אַ שפע פון פרנסה פאַר אידישע קינדער. אפילו אויב זיי האָבן חלילה נישט אַזאַ גרויסן זכות.

דאָס זעלבע איז מיט די אַנדערע זאַכן. די מענטשן וואָס וואַרטן אויף אַ זיווג, זענען בכח צו צעררייסן דעם גזר דין, און פועל'ן צו טרעפן זייער זיווג בקרוב.

דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע האָט זיך געפירט, ער פלעגט זאָגן פאַר בחורים וואָס האָבן געדאַרפט געהאָלפן ווערן מיט אַ שידוך, אָדער איינער וואָס האָט געדאַרפט פרנסה אָדער אַ רפואת הגוף, האָט ער געהייסן מ'זאָל ענדיגן גאַנץ ספר תהלים שביעי של פסח, אַלס אַ סגולה געהאָלפן צו ווערן מיט די גאַנצע ישועה.

**ביום השביעי מקרא קודש - די קדושה פון שביעי של פסח**

**עס** שטייט אין ספה"ק 'בית אהרן' (דף צג:) אַז די זעקס טעג פון פסח זענען אַ הכנה צום זיבעטן טאָג פונעם יום טוב[סו], ווייל דער עיקר איז שביעי של פסח. דאָס איז דער שלימות, ווייל אין דעם טאָג האָבן די אידן געזאָגט שירה אויפ'ן ים.

**דער** פסוק זאָגט (שמות יב, טז) 'וביום הראשון מקרא קודש, וביום השביעי מקרא קודש יהיה לכם'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס איז באַשטימט געוואָרן דער זיבעטער טאָג פון יום טוב פסח, פאַר אַ יום טוב וואָס מ'טאָר נישט טוהן אַ מלאכה דערין? וואָס פאַר אַ מעלה האָט דער טאָג מער ווי די אַנדערע טעג פון פסח? ווען ס'איז געוווען דער ציווי (אין פרשת בא) צו האַלטן דעם זיבעטן טאָג אַלס אַ יום טוב, זענען דאָך די אידן נאָך נישט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, און דער ים איז דעמאָלס נאָך נישט געשפּאָלטן געוואָרן פאַר זיי?

**איז** דער תירוץ, אַז 'עיצומו של יום' - דער עצם טאָג, שביעי של פסח, איז שוין פון פריער געווען אַ צייט וואָס איז אָנגעגרייט פאַר די ישועה פון אידישע קינדער. וועגן דעם איז עס באַשטימט געוואָרן אַלס אַ יום טוב וואָס מ'טאָר נישט טוהן דעמאָלס אַ מלאכה.

---

**סו.** די גמרא זאָגט (ר"ה טז:) 'חייב אדם ליטהר את עצמו ברגל'. יעדער איד דאַרף זיך מטהר זיין (טובל'ען אין מקוה) אין יום טוב. דאָס איז אָבער נאָך מער גילטיג אין דעם יום טוב פון שביעי של פסח, ווי הרה"ק רבי פּנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט געשריבן אין זיין צוואה פאַר זיינע קינדער, אַז זיי זאָלן גאָר שטאַרק מקפיד זיין זיך צו טובל'ען אין אַ מקוה טהרה פאַר שביעי של פסח, ווייל עס איז אַ גרויסער און פאָרכטיגער טאָג.

דער טעם פאַרוואָס הרה"ק רבי פּנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט אַזוי געשריבן, איז צוליב אַ מעשה שהיה, אין לעצטן יאָר פון בעל שם טוב הקדוש זי"ע אויף דער וועלט, ערב שביעי של פסח, האָט הרה"ק רבי פּנחס'ל קאָריצער זיך אַרויסגעלאָזט אין וועגן צו קענען פּראַווען דעם יום טוב ביי זיין רבי'ן דעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע. ער האָט אָבער געהאַט אויפ'ן וועג פאַרשידענע אָפּהאַלטן און שטערונגען, אַזוי אַז ער איז אָנגעקומען קיין מעזיבוז אַ קורצע צייט פאַר'ן זמן ממש. ער האָט אַפילו נישט אָנגעיאָגט זיך צו טובל'ען אין אַ מקוה טהרה.

ווען ער האָט גענומען שלום פון דעם בעל שם טוב, האָט דער בעל שם טוב איהם געפרעגט אויב ער האָט זיך גע'טובל'ט אין מקוה ערב יום טוב, און רבי פּנחס'ל האָט געענטפערט אַז נישט. האָט דער בעל שם טוב געגעבן אַ שטאַרקן קרעכץ, און רבי פּנחס'ל קאָריצער האָט נישט יורד געווען לסוף דעתו פאַרוואָס ער איז געוואָרן אַזוי איבערגענומען פון דעם וואָס ער האָט זיך נישט גע'טובל'ט. ער האָט אָבער נישט געוואַגט צו פרעגן דעם בעל שם טוב פאַרוואָס ער קרעכצט אַזוי.

ערשט וויינ‌יגער ווי צוויי חדשים שפּעטער, ווען דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע איז נסתלק געוואָרן לחיי עולם הבא אין יום טוב שבועות, האָט רבי פּנחס'ל פאַרשטאַנען אַז דער קרעכץ פונעם בעל שם טוב אין שביעי של פסח, האָט געהאַט אַ שייכות מיט זיין הסתלקות אין שבועות, און וועגן דעם האָט רבי פּנחס'ל אָנגעזאָגט זיינע קינדער אַז זיי זאָלן גאָר שטאַרק מקפיד זיין זיך צו טובל'ען אין מקוה אין דעם הייליגן יום טוב.

**אַזוי** שרייבט דער הייליגער באַרדיטשובער רב זי"ע, אין 'קדושת לוי' (פרשת בשלח) אויפ'ן פסוק (שמות יד, ל) 'ויושע ה' ביום ההוא'. עס זענען דאָ טעג ווען דער אויבערשטער איז משפיע אויף אידישע קינדער פון זיין גוטס און ער טוט דעמאָלס אַרויסווייזן פאַר זיי זיין ליבשאַפט. דער טאָג וואָס איז די מערסטע מסוגל דערפאַר איז דער טאָג פון פסח, און דאָס איז די כוונה פון די ווערטער 'ביום ההוא' דייקא, עכ"ל. דאָס הייסט, אַז די סגולה איז אָנגעוויזן אין דעם טאָג אַליין.

**אין** דער סדר נאַכט זענען מיר מקיים אַסאַך מצוות, מן התורה און מדרבנן, ווי סיפור יציאת מצרים, דאָס עסן מצה און מרור, הלל און די ארבע כוסות, אָבער ביי שביעי של פסח, געפינען מיר נישט קיין איין מצוה.

**זאָגט** הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אַז דאָס איז דערפאַר ווייל דער יום טוב איז צוגעגליכן צו לעתיד לבוא, וואָס די גמרא זאָגט (נדה סא:) 'מצוות בטילות לעתיד לבוא'. עס וועט נישט זיין לעתיד אַ חיוב מקיים צו זיין מצוות, ווייל עס וועט הערשן גאָר אַ גרויסע קדושה, און שביעי של פסח איז אין דער זעלבער בחינה, ווייל ס'איז דאָך באַקאַנט אַז דאָס מקיים זיין מצוות בפועל העלפט פאַר דעם מענטש משיג צו זיין די אורות און מדריגות וואָס ווערן אַנטפּלעקט אין הימל דורך דעם אַזוי ווי ס'איז געווען דעמאָלס, אָבער שביעי של פסח ווערן די אידן דערהויבן צו אַזאַ הויכע מדריגה, אַז זיי דאַרפן דעמאָלס נישט אָנקומען צו קיין שום גשמיות'דיגע פעולה דורך וועלכער משיג צו זיין דעם אור, אין אַ בחינה אַזוי ווי 'לעתיד לבוא'.

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין צו פייערן דעם יום טוב פסח אַלס אַ 'זמן חירותינו', מיט פרייהייט ברוחניות ובגשמיות, מתוך בריות גופא ונהורא מעליא, און מיר זאָלן זוכה זיין עולה-רגל צו זיין צוזאַמען מיט אַלע אידן קיין ירושלים, און דער אויבערשטער זאָל אויסהערן אונזערע געשריי, 'כי באו מים עד נפש', און מיר זאָלן געהאָלפן ווערן במהרה מתוך רחמים וחסדים והשפעות טובות, אמן.

בס"ד

פרישע שיפמענט
יעצט
ערשינען!

לקראת חג הפסח תשפ"ד

פון דעם שפרודלדיגן קוואל
פון המשפיע הגה"צ

רבי אלימלך
בידערמאן שליט"א

געשריבן אין א לייכטן פליסיגן
אידיש




אן אמת'ע ליכטיגקייט אין די ליל הסדר

צו באקומען אין אלע ספרים געשעפטן

הפצה ראשית
נר למאור

מכון
באר
האמונה

swivelny.com | 718.614.0795